


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 22 ● חשון־כסלו תשמ"ח ● תל־אביב ● נאָוועמבער 1987 ● נומער 22

# לובלין

**מרדכי צאַנין**

שש מאות שנה רשמה לובלין את עצמה בפנקסים כעיר ואם בישראל. לרגלי ארמונו של קאזימיר הגדול, בין סמטאות גיטו צרות, עלתה כפורחת יהדות עסיסית במשך דורות רבים. לובלין גדלה ושימשה מקום מושבו של „ועד ארבע הארצות", ומתוך ישיבותיה של לובלין יצאו גדולי התורה, ענקי הרוח, המהר"ם, המהרש"ל והמהרש"א, ששמם יצא לפניהם בכל פנות העולם, בכל מקום בו פעם לב יהודי.

בישיבותיה של לובלין פרחו לא רק למדנות יהודית וגאונית יהודית. כאן הונחו גם היסודות לחילוניות היהודית שלאחר זמן התרחבה והתפתחה להפליא והוציאה את ההמון היהודי לדרכי המלך של העולם הגדול.

לובלין היתה מקור של חיים יהודיים, שפרץ את גבולות הגיטו, שטף ועבר את „השער" והשתפך כים גועש.

עשרות בתי ספר ביידיש ובעברית, ספריות, אגודות, אוניברסיטאות עממיות, בתי תלמוד־תורה וישיבות, — עיצבו יומם ולילה את הנשמה היהודית, התכוננו לדבר מה העתיד לבוא בלי ספק, דבר־מה שלא בא בכל זאת.

החיים הציבוריים בלובלין להטו בלהט פרטי משלהם. פעמים התנשאה לובלין על וארשה, על ירושלים דליטא, לא כל שכן על ביאליסטוק. שכן היה לה, ללובלין, מטען רוחני של דורות עברו ויבול מבורך של יהדות. אפילו ה„בונד", שהיו מונים אותו שהוא „כופר בעיקר", כאן, בלובלין, התגאה בר' יעקב פולק שלו, ברבי ר' שלום שכנא שלו ובבעל „ראש הברזל" וסבר שהוא, ה„בונד", הוא יורשה של החסידות, לפי שהם הבונדאים, וכן הציונים החילוניים שבלובלין, אלה ואלה צמחו מסמטאות הגיטו, מתוך הישיבות, והגבול הלא היה דק כל כך, רופף כל כך.

ודומה, שאין לך עיר בפולין, שמאבקיה המפלגתיים היו כה גואשים ונלהבים כמו פה בלובלין, כי בתוכה של כל מפלגה בערה אש החסידות, עקשנותה של אמונה גדולה וגאוותה של הקהילה הקדושה והעתיקה — לובלין.

כשאתה עובר היום את ה„שער" ורואה את השדה השומם, שאך תמול חי פה עולם, עולם תוסס וגועש של רחובות, בתי־מדרש ובתי־כנסת, נדמה לך שלא היה זה אלא חלום. חלום של מהרש"א, חלום של מהר"ם, חלום בן שש מאות שנה. אנה נעלם ים היהודים? היכן הם היהודים בעלי הזקנים המבודרים, כנפי הקאפוטות המבודרות שבתוך בהילות חייהם נדמה היה שהם מרחפים באויר?

שדה שומם ומת הפכה לובלין היהודית. אפילו בית־קברות לא נשאר, אפילו אבן לא נותרה, שתוכל להניח עליה את ראשך האבל ולומר בדמע את היתגדל ויתקדש אחרי חלום גדול זה.

אילו היו כל הנהרות דיו וכל היערות עטים כי גם אז לא היו אלה מספיקים לכתיבת מגילת היסורים של עינויי התופת, שנתנסתה בהם קהילת לובלין עד שהשיבה את נשמתה הקדושה.

כאן, על כביש זאמושץ', במרחק שני קילומטר בלבד מלובלין, התאבק עשנן של ארובות הכבשנים במאידאנק. וליהודי לובלין הבטיחו בכל זאת שלא להם מתכוונים, כי לובלין הוא אזור שמור ליהודים והם יישאירו בחיים. אבל יהודי לובלין ידעו את גורלם. למרות היותם כלואים בגיטו ידעו כי מעשרות קהילות מובילים לכאן יהודים, לשריפה, במאידאנק. אבל יהודי לובלין היו חסרי ישע, באין גואל וקרוב, בין שכנים עקרבים שרק חיכו לקיצם של היהודים. והקץ המר בא.

פולני זקן, מתושבי לובלין, אוסף עתיקות, בעל ראש שיבה סח לי על היום השחור:

— אני עומד כבר על עברי פי קבר וכבר איבדתי את כל אמונתי. לעולם האמת אבוא כקליפה נבוכה בלי ניצוץ של אמונה. תחילה התביישתי להיות אדם לאחר שראיתי מה שה„אנשים" הקרויים גרמנים מסוגלים לעשות, אחר־כך התביישתי להיות פולני, לפי שראיתי כיצד עלולים פולנים

teatrnn.pl

להתנהג נוכח תופת איום כזה, ששכניהם היהודים נתנסו בו. אחר התביישתי להיות נוצרי משראיתי מה הם פני העולם לאחר שני אלפי שנות שלטונה של הנצרות באירופה. נהרי דם זרמו ברחובות הגיטו, בו נכלאו היהודים. אחר כך התאבך במשך ימים ארוכים עשן שחור מארובות הכבשנים. אבל מאידאנק היתה עמוסה מדי ולא יכלה לבלוע כל כך הרבה אנשים חיים ולכן הועברו אלפי יהודים מלובלין ליערות סוביבור. ובכל זאת לא יכלו להשמיד בבת אחת למעלה ממאה וחמשים אלף יהודים שנמצאו אותה שעה בלובלין. לפיכך נערכו כמה שחיטות ולאחר כל טבח וטבח הבטיחו הרוצחים שבכך נסתיים הדבר ששוב לא יוסיפו לטבוח יהודים, אלא שזה לא היה אלא נטף של שמן על פצעם הצורב של היהודים האומללים נשכחים ונעזבים, קיוו היהודים בכל זאת שהאל הרחמן לא יעיר עליהם את כל חמתו, שלא יתן להשמיד את העדה עד לאחרון שבהם, אלא שהתקווה הכזיבה. אלוהי ישראל הביט וראה ממכונו את אחרון היהודים מוצא להורג מהקהילה עתיקת הימים.

וכך נסתיים הדף האחרון הבלתי כתוב של פנקס קהילת לובלין.

אחרי חיסול היהודים עברו המרצחים הגרמנים מבית לבית ושדדו את יגיע היהודים ועמלם ואת כל הנכסים הבלתי נדים פוצצו בדינאמיט. נמחתה מעל פני האדמה העיר, שבמשך שלוש מאות שנה התכנסו בה ועדי ארבע הארצות והירידים היהודיים הגדולים, בה עמדו בתי הכנסת של המהרש״ל והמהר״ם ומאות הבתים הקטנים, שהסתופפו בסמטאות הצרות של הגיטו הישן.

את מלאכת ההשמדה ביצעו לא הגרמנים לבדם. לעזרתם באו בטליונים אוקראינים במדי ס״ס והוכיחו שלטביחת יהודים יש להם חזקה מימי חמלניצקי, שעכשיו בשנת תש״ח הם חוגגים את יובל הדמים שלו בן שלוש מאות השנים.

בואו ונעלה לראש ההר, בו נמצא בית־הקברות הישן ונראה לכם את שני הקברות של קרבנות „לוחם החופש״ המפורסם ההטמן בוגדאן חמלניצקי, שנחרת בזכרונם של אבות אבותינו בשם חמליוק ימח שמו. שני הקברים האלה עדים יחידים הם כיצד שפך העם האוקראיני פעמיים במשך שלוש מאות את דמו של עם ישראל.

בית־הקברות הישן בלובלין הוא הפנתיאון הלאומי שלנו. הביטו וראו מה עלה לו, לפנתיאון זה, מה עוללו הוואנדאלים לקבריהם של גאוני דורות ואדירי רוח. למלוא האורך נחפרו הקברים לשוחות עמוקות ומתוך הקירות מבצבצים עצמות של מאות קברים. בתוך הבורות העמוקים שנחפרו מתגוללים גולגלות לבנות של מתים ותלי־תלים של צלעות. מעטות המצבות שנשארו לפליטה. הללו נשדדו על ידי אוכלוסי הסביבה ומצבות זכרון יהודיות נהפכו לאבני משחזות להשחזת קרדומים וסכינים ואת מצבות השחם הופכים לצלבים על קברם של נוצרים. הבינו: הגדר הרוסה, ועל גבי הקברים רועה צאן ובקר. הרועה הקטן, היושב לא הרחק ממני של אחד הקברים, מחטב מעצמות של יהודים „חרבות״ ו„פגיונות״ — צעצועי ילדים...

בהיותנו ילדים היינו קוראים מעשים מפחידים כאלה בספרים על הדז׳ונגל במזרח אפריקה. היום אני רואה זאת במו עיני, בארצם של מיצקביץ׳ וסלובאצקי.

בין המצבות הנשארות גיליתי יצירות אמנות אמיתיות, אבנים בתוכן השקיעו אמנים יהודים עממיים שאר־רוח וכשרון. אצל עמי תרבות היו מונומנטים כאלה תופסים מקום בראש בבתי הנכאת הלאומיים והיו מחברים עליהם מונוגרפיות אמנותיות. כאן הם מופקרים ומחכים לגורל המר, לשמש יסוד לדיר חזירים או ליהפך לאבני השחזה.

אין כיום איש בפולין, לא מבני ברית ולא משאינם בני־ברית, שיהיה לו חוש ושירגיש צורך לקיים יצירות אמנות מעין אלה שאין להן משמעות פוליטית כלשהי.

אולם לגבי סוג מסוים של פולנים נודע ליצירות אמנות יהודיות חשיבות. בשעה שהגרמנים פוצצו את הגיטו היהודי ואת בתי־הכנסת העתיקים של המהר״ם והמהרש״ל, התרוצצו מחנות של חוליגנים פולניים על פני החורבות ושדדו. כתלי בתי־הכנסת העתיקים, שלאחר ההרס נשארו עדיין עומדים בחלקם, ניתצו בידי החוליגנים עד היסוד. הם חיפשו את כלי הכסף ואת תשמישי הקדושה של בתי־הכנסת. בידי יהודי לודז׳אי אחד ראיתי חלק מארון הקודש מבית הכנסת של המהר״ם. הוא קנה אותו מפולני אחד בלובלין. אוסף־העתיקות, בעל שיער השיבה, עליו סיפרתי כבר לעיל, סח לי כיצד בוצע השוד: היה רושם שעדת זאבים רעבים התנפלו על כבשים עקודים. בכשילים וכילפות רצו החוליגנים אל החורבות והמרצחים הגרמניים הציניים התבוננו כיצד שודדים שכני היהודים במשך שש מאות שנה את שרידי הלבנים היהודיים.

בנין יהודי ציבורי אחד נשאר לפליטה, כי בו שיכנו הגרמנים את בית החולים שלהם — הרי זה הבנין הענקי של ישיבת חכמי לובלין, שבנייתו הושלמה שנים מעטות בלבד לפני מלחת העולם השניה. היום נמצאת כאן האוניברסיטה על שם מאריה קירי סקלודובסקה. ממני דרשו רשיון מיוחד להכנס לכאן, להיכל התורה והאדיקות היהודית. באולם הגדול של הישיבה ראיתי צלב על הקיר הראשי, כסימן לפולניות. ואינך צריך דווקא להיות יהודי חרד כדי שהדם יקפא בעורקיך בראותך כיצד נעקר ונמחה כל נצוץ של שריד יהודי, כאילו נגזר עלינו חס ושלום להימחות מעל פני האדמה.

כשתעלו עכשיו לבית הקברות היהודי החדש תראו שם מצבה חדשה — זוהי המזכרת היחידה של שארית הפליטה הלובלינאית לאחר שש מאות שנה של חיי יצירה שנמחו ללא זכר בימים ספורים.

משחרר הצבא האדום את לובלין ולעיר נכנסו ראשוני החיילים הפולנים מהדיביזיה על שם קושצ׳יושקו, הגיחו ממחבואיהם במעמקי האדמה, יהודים אחדים: מגודלי פרע, טחופים ומעונים וסומים למחצה מהמת שכיבה בחשכה במשך שנים, דמו לפראי יערות משונים. בקושי יכלו להניע את אבריהם. רגליהם שוב לא היו רגילות בהליכה. העינים לא הסכינו לראות. האנשים זחלו כשפניהם מכוונים לאור היום שעיניהם לא אכלו לראותו.

ויהודים אלה הותקפו על ידי מחנה של פולנים. מנין הופיעו שוב יהודים בפולין? האם קמו לתחיה? האם קמו מעפרן של מאידאנק וסוביבור? על ראשי היהודים המעונים ירד מטר מכות. היכו אותם מי באגרוף ומי במקל עד שנפלו מתבוססים בדמם. עכשו המציא המחנה מחזה משעשע: צריך לסחוב את היהודים האלה אל הצבא הפולני ושם סופם להירות בלי ספק. כבארנבות ירו בהם, כי איזה חייל בעולם יניח ליהודי לחיות? החוליגנים לא התמצאו, הם ידעו כי עד עכשיו היו חיילים פולניים מה„ארמיה קראיובה״ יורים ב־

יהודים שנפגשו להם ביער. ועכשיו ישנם שוב חיילים פולניים בעיר ולכן כדאי לראות תיכף כיצד יירו החיילים ברחובה של לובלין ביהודים, כשם שנהגו עד עכשיו הז'נדרמים הגר־מנים והס"ס האוקראיניים.

והמחנה סחב את היהודים המתים למחצה, דרך הרחוב הראשי, סחב אותם והריע מתוך שכרון רצח. לקראתם באה פלוגת סיור פולנית והמחנה צועק:

— שמעו, חברה, תפסנו יהודים... הנה הם! לחסלם צריך! הכריעו אותם, חברה!

חייל אחד יורה באויר, שני הופך את הרובה ומתחיל להכות על ראשי החוליגנים. השאר נמלטים בבהלה. החיילים רודפים אחרי המחנה. היהודים נשארים שרועים על האדמה. אחד החיילים גוחן על השוכבים ואומר להם:

— אל תפחדו, יהודי אני.

ידיים יהודיות מתרוממות, נאחזות ברגלי החייל היהודי. נס! נס מן השמים! יהודי במדים מגן עליהם! הבט, יהודי מסוגל עדיין להציל יהודי אחר. אך לא כל היהודים האלה יכולים להאחז ברגלי החייל היהודי. מחמת המכות נשאר אחד מהם שוכב קופא ואדיש. לו כבר היינו הך. זה לא יראה עוד בעיניו את אור העולם.

למחרת הלכו שלושת יהודים אחרי מיטתו של יהודי זה ובכך התחילו חיים יהודיים חדשים בלובלין...

כיום * חי בלובלין קומץ של יהודים. לא כולם הם בני המקום, שכן מכל הקהילה היהודית שלפני המלחמה רשומים עכשיו כיוצאי פולין שש מאות איש בלבד ושש מאות בני לובלין אלה מפוזרים בכרכים הגדולים של פולין: בלודז, בווארשה, בשלזיה תחתית. היהודים בלובלין הם מהעיירות שבסביבה, שם אין דריסת רגל ליהודים.

— העם אינו יכול להתרגל לפנים של יהודי — אומר לי יהודי אחד. היהודי הוא אחד מראשי המפלגה המהפכנית שבמקום.

כשאני יושב בחדרו מניח היהודי את אקדחו על השולחן ואומר:

— לי עצמי אין פה יקרים. את כל היקר בחיי, את אשתי, ילדי, את אמי ואת אבי היקר איבדתי. התנסיתי בגי־הינום המחנות ובנדודים. עשרות פעמים ראיתי עין בעין את המוות ואם נשארתי בחיים הרי זה רק מתוך עקשנות, שלא נושמד עד גמירא. ואף־על־פי קומוניסט אני ותובעים ממני אינטרנאציונאליזם. הריני אומר לך: בנשק זה, המוטל על השולחן, אנו חייבים קודם כל להבטיח את קיומנו ורק בשעה שנהיה שווים עם שווים, אשליט אצלי את עקרון האינטרנאציו־נאליזם.

יהודי זה סיפר לי עד כמה סובלים כיום כל יהודי לוב־לין מהפולנים, שאינם יכולים להתרגל למציאות החדשה בפולין ורואים עדיין ביהודים יצורים נחותים.

משה מרגשטיין, יהודי מהעיירה גוז'קוב, השתתף במרד שבגיהנום הסוביבורי. הוא אחד מארבעים היהודים, שנשארו עדים למה שהתרחש בסוביבור. גם עליו אין החיים חביבים. הוא ראה כל כך הרבה סבל, כל כך הרבה רבבות של מיתות משונות, כשהוא אדיש לחיים ורק העקשנות מקיימת אותו. כשהוא מהלך ברחובות לובלין ונתקל במבטי האיבה של בני בליעל פולניים, גוברת עקשנותו עוד יותר. הרי זו — אומר הוא — הטובה שבנקמות, שלא נאבד, אלא נחיה!

ועוד עקשנים ראיתי בלובלין: ילדי ישראל שרו שירים ביידיש ובעברית בעקשנות כזאת וברגש יהודי עיוור כל כך, שבשעת מעשה שכחתי שהילדים האלה שרים בעולם שנחרב. אותו רגע נדמה היה לי שאני יושב בנשף ילדים בלובלין שמלפני המלחמה. אלא שהרגש הזה מתנדף מיד: לידי יושבת אשה, שבשום אופן אינה יכולה לעצור בעד דמעותיה. היא מביטה אל הבמה ובוכה. לפני המלחמה השתתפו שני ילדיה בכל חגיגות בית הספר היהודי. הם היו לבושים בדיוק כילדים האלה עכשיו: חולצות כחולות ועניבות אדומות. האולמות היו גדושים ילדים יהודיים צוהלים ומהבמה שפעה שמחת החג של ילדים. שני נעריה הקטנים היו שותפים לגורלם של כל ילדי לובלין והילדים הללו, העומדים עכשיו על הבמה, עשרת או שנים עשר הילדים, הם הרכוש היחידי של בית הספר היהודי, הנחמה היחידה של החיים היהודיים.

עומדים, איפוא, על הבמה עשרה־שנים־עשר ילדים נס־ערים עיניהם לוהטות ושרים לתוך האולם:

אנו שבים ובונים, אנו שבים ובונים
חיים, חיים חדשים צצים ועולים!

ואגרופים ילדותיים זעירים מתרוממים ומבשרים לעולם: „אנחנו שוב קיימים!"

בשוק של לובלין, בין עשרות דוכנים מצאתי שני סוחרים יהודים: האחד סוחר באריגים והשני — בבגדים מוכנים. לשעבר היו כל הדוכנים יהודיים וכל החנויות מסביב יהו־דיות. אני שואל אחד מהם: מה אתם עושים כאן בתוך ים של **אויבים וצוררים**? והיהודי משיב לי: **אבות אבותינו, שהגיעו** ראשונים ללובלין, הרגישו עצמם בודאי לא פחות רע מאתנו. ננסה, איפוא, מחדש. הרי אנו בבחינת דור ראשון של יהודי לובלין. אולי תהיה התחלתנו אנו מוצלחת יותר...

## הערות למאמרו של מרדכי צאנין

**לא לחינם הלך זרזיר אצל עורב,**
**אלא מפני שהוא מינו.**
אימרת חז"ל (בבא קמא צב:)

בתחילת שנות ה־50, ערך העיתונאי והסופר הידוע מרדכי צאנין „טיול" עצוב ב־100 קהילות יהודיות שנחרבו. את „המקום בראש" הטראגי, הוא נתן לקהילה שלנו לובלין, כי היא היתה הראשונה להשמדה. בלובלין, על 45 אלפי יהודיה, עשו הגרמנים „סטאז'" ולמדו איך לשכלל את דרכם העקובה מדם.

מרדכי צאנין ערך את ביקורו כשהוא מצוייד בפספורט בריטי, בתור תייר אנגלי, כך שהגויים התייחסו אליו כאל איש משלהם, שאפשר לתת בו אימון ולספר לו את האמת. האמת היתה עצובה מאוד. אנשים ספורים הצטערו על הגורל היהודי, רובם אמרו בגלוי שהגרמנים שנואים עליהם, אולם דבר טוב אחד הם עשו, שיחררו את פולין מאספסוף היהודי. הם תפשו בלהיטות „טרמפ", כשותפים מלאים, על מרכבת הדמים.

לא בכדי בחרו הגרמנים בפולין להיות בית המטבחיים של העם היהודי, הם ידעו שעל אדמת פולין ימצאו עזרה פעילה לביצוע תכנית ההשמדה שהכינוה בקפדנות.

חסידי אומות העולם אשר סיכנו את בטחונם האישי, אינם יכולים לכפר על האמת המרה והטראגית הזאת.

**אפרים איינשטיין**

* המאמר נכתב בתחילת שנות החמישים.

# הנצחת קהילת לובלין בבית התפוצות

מתתיהו הורן

במפגש שהתקיים ב„בית לייוויק" ובאסיפה שהתקיימה באולם יוצאי פולין ברח' דיזנגוף 158, בהשתתפות בני עירנו מהארץ ומחו"ל, הוצע להתחיל בפעולות להנצחת קהילתנו בבית התפוצות.

סיפורו של בית התפוצות מתחיל עשרים שנה לפני יום פתיחתו, כאשר ד"ר נחום גולדמן, נשיא הקונגרס היהודי העולמי ויו"ר ההסתדרות הציונית דאז, הגיע למסקנה שלא נעשה די להנצחת העולם היהודי שניכחד על ידי הנאצים — של שישה מיליון מבני עמנו והמרכזים היהודיים הגדולים באירופה המזרחית והמרכזית.

על כן חשוב היום יותר מתמיד להראות לעולם הלא־יהודי וגם לעם היהודי, ובמיוחד לדור הצעיר של הישראלים שחייהם שונים באורח כה מוחשי מחיי אבותיהם בגולה, את הסיבות להישרדותו המופלאה של העם, אחרי אלפי שנים של גירוש ושל דיכוי, הישרדות שאין לה אח ורע בתולדות המין האנושי. תופעה זאת היא ללא ספק אחד מן הסודות המופלאים בתולדות העם היהודי ובדברי ימי העולם.

ד"ר גולדמן הגיע למסקנה שלא נעשה די להנצחת העולם היהודי שנספה בתקופת השואה.

הקהילות היהודיות האירופיות בעלות המסורת המפוארת אשר במשך דורות רבים היוו מעיין שופע של יצירה יהודית נעלמו ויש לעשות יותר להנצחת זכרן.

הצעתו של נחום גולדמן להקים בישראל מוזיאון לתפוצות התקבלה על ידי הקונגרס היהודי.

עתה היה על הרעיון לקרום עור וגידים. מה יהיה היקף התחום שבו יעסוק המוזיאון, מה יהיה תוכנו, איזה אופי ישא?

הרעיון הראשון שעלה היה לחלק את נושא התפוצות היהודיות על בסיס אתני־גיאוגרפי: כל אחת מן הקהילות היהודיות המרכזיות אשר חריבו בשואה, כגון: הפולנית, הליטאית או הגרמנית, עתידה להיות מונצחת בתצוגה נפרדת אשר תשחזר את אורח חייה ותרבותה. אולם מאז מלחמת העולם השניה הלכו ונעלמו קהילות יהודיות נוספות, בעיקר כתוצאה מן העליה ההמונית מארצות ערב.

הקהילות היהודיות העתיקות בעולם, כגון מצרים ועיראק, התחסלו, וכך אירע גם לקהילות תימן, לוב ומרוקו שמרבית בניהן עלו ארצה.

ההחלטה להנציח גם קהילות שלא נכחדו בשואה הובילה למסקנה כי על המוזיאון לשקף את חיי התפוצות היהודיות כולן, וגם את אלה הממשיכות להתקיים. בשלב זה התקבלה אם כן גירסה מורחבת של הרעיון המקורי, אשר לפיה עתידה כל תפוצה להיות מונצחת.

הארגונים היהודיים האמריקאיים של יוצאי קהילות מזרח אירופה — (הלנדסמנשפטים — שהיו מאוגדים על בסיס של עיר, מחוז או ארץ מוצא) נתנו את בירכתם לתוכנית והיו לתורמים העיקריים, גם לאחר שהרעיון הראשוני לגבי אופיו של הבית שונה:

לאחר שהמטרה הוגדרה בבהירות פנו המתכננים לעסוק בשאלה כיצד תיערך התצוגה. התכנון המקורים על הקמת יד לקהילות בתצוגה נפרדת, נראה עתה בלתי מתאים.

מרוב פרטים עלולה להיטשטש התמונה הכללית. אפשרות נוספת שנשקלה היתה לערוך תצוגה שתעקוב כרונולוגית אחר תולדות התפוצה היהודית. אך האפשרות הזו עוררה בעיות מבניות קשות. מכיוון שההיסטוריה של התפוצות מתאפיינת בפיזור וברבגוניות, עלול הנסיון ללכת בעקבותיה לפגום ברצף של התצוגה ולגרום לרושם מבולבל ומקוטע.

האפשרות השלישית הייתה לערוך את התצוגה סביב נושאים וזוהי אכן הדרך שנינקטה. הקו המנחה לסיווג הנושאים היה המשכיות היצירה התרבותית של העולם היהודי במשך אלפיים שנות גלותו, שנים שעברו עליו כשהוא מפוצל ומפוזר בקרב אומות שונות, תמיד כקבוצת מיעוט, פעמים רבות נתון לאפליה, לדיכוי ולרדיפות.

התצוגה כולה סווגה אם כן לשישה פרקי משנה, שכל אחד מהם זכה לשער בתצוגה מרכזית:

**שער הממחיש את מעגל החיים של היחיד היהודי**, מלידה ועד פטירה ואת מחזור החיים המשפחתי סביב חגים וארועים מיוחדים.

**שער הקהילה** העוסק בחיים הציבוריים של הקהילות בתקופות שונות ובסביבות שונות.

**שער האמונה** — בו מושם דגש מיוחד על מרכזיות בית הכנסת ולימודי הקודש.

**שער היצירה** — עולם ומלואו של היצירה הכולל לשונות יהודיות, חינוך, ספרות ואמנות ובחינה של תרומת היהודים לתרבות העולמית.

**שער לקיום** — שיחזור כרונולוגי של חיי קהילות בולטות בתקופות שונות.

**שער שיבת ציון** — הכוונה היא להמחיש כל נושא באופן מקיף, תוך הידרשות הן למשותף והן לשונה בתפוצות העם.

הדגש מיושם על עושר החיים היהודיים ולאו דווקא על הסבל וההקרבה שהיו כרוכים בתולדותיהן של קהילות רבות משום שהבטים אלה זוכים לביטוי הולם במוזיאונים אחרים.

## ארכיון תמונות

כבר בשלב מוקדם של התארגנות החליטו מקימי הבית כי אין טעם להעתיק חומר מספריות קיימות, אף שהחומר הרב היה בהישג יד. אחרי הכל בסמוך למוזיאון, בקמפוס של אוניברסיטת ת"א, מצויים ספריה כללית וספריה יהודית, ארכיון ומרכז תיעוד. מוסדות דומים מצויים גם במקומות אחרים בישראל.

לפיכך הוחלט כי המוזיאון יתמקד בתיעוד חזותי, בתחום אשר אין עוסקים בו באורח שיטתי בשום מקום אחר בעולם.

## חינוך

א. האפשרות החינוכית הרבות הגלומות במוזיאון נחזו עוד בטרם פתח את שעריו. אך הביקוש הרב לשרותי המוזיאון מטעם בתי ספר בארץ עלה על כל הציפיות. אפילו כיום, כאשר צוות ההדרכה של המוזיאון כולל כ־20 מורים וביכולתו להעביר הדרכה לכ־70 אלף תלמידים בשנה, נענה המוזיאון רק לשליש מהפניות אליו. מורים רבים, בעיקר כאלה המלמדים בכיתות העליונות של בית ספר התיכון, עוברים במוזיאון הכשרה שבה הם מתוודעים לחומר, לאמצעים ולשיטות הלימוד שפותחו בו. לאחר קבלת הכשרה זו הם יכולים להביא את כיתותיהם לסיור מודרך במקום מבלי להזדקק להדרכה נוספת מצד צוות המוזיאון.

למען תלמידי בתי ספר פתח המוזיאון את שעריו גם ביום שישי שבו הוא סגור לקהל הרחב.

ב. גם צה"ל פיתח מערכת מתאימה משלו שבמיסגרת עוסקים מדריכים ברמה אקדמית, כחלק משרות המילואים שלהם, בהדרכת קבוצות חיילים במוזיאון.

יחידות רבות בצה"ל דואגות לשתף את חייליהן בסיורים במוזיאון. כך למשל מקדיש כל קורס קצינים יום אחד מתוכנית ההשכלה הכללית שלו לביקור במוזיאון.

ג. מבקרים מחו"ל. היקף הביקוש היה מפתיע ובתחילה נדרשה מידה מסויימת של אילתור בכדי להענות לו. אולם לא עבר זמן רב ובבית הוקמה מחלקת סמינרים אשר נענתה לאתגר.

גם מחלקה זו פיתחה גישות מקוריות משלה. הנושא המרכזי בסמינרים הוא הזהות היהודית בתפוצות.
קהילות וארגונים יהודיים רבים בעולם מסתייעים בסמינרים לחינוך הנוער. הסמינרים מיועדים לגילאי 15 עד 25 והם נערכים ב־15 שפות. עד כה לקחו חלק בסמינרים בני נוער מיותר משלושים מדינות.

## פעילות תרבותית

בית התפוצות מהווה כיום מרכז של פעילות תרבותית הק־שורה בתכניות מיוחדות. פעילות זו החלה בצינעה, בהרצאה או סימפוזיון, כאלה או אחרים, אך עד מהרה פרחה והסתעפה.

מדי שבוע בשבוע מתנהלים בין כותל הבית וביוזמתו ארועים ציבוריים. חלק בשיתוף עם מוסדות אקדמיים — כגון בית ספר למדעי היהדות ע״ש חיים רוזנברג באוניברסיטת ת״א, מכון בן־צבי ומכון שז״ר. רוב האירועים מיועדים לקהל הרחב.

המוזיאון נפתח ב־15 במאי 1978 על ידי נשיא מדינת ישראל אפרים קציר ועל ידי נשיא בית התפוצות ד״ר נחום גולדמן ומאז סיירו בו כ־3½ מיליון מבקרים.

את שנותיו הראשונות ניתן לראות כתקופת הרצה. החודשים הראשונים לאחר הפתיחה הוקדשו להשלמת תצוגת הקבע ולעריכת שיפורים ושינויים.

לאור הנסיון שנרכש בתקופה זו החלו גם פיתוחן של תוכ־ניות חינוכיות ושל פעילויות ציבוריות הנובעות מאופיו המיוחד של בית התפוצות והן בעלי אופי מגוון: הרצאות, שיחות, סימ־פוזיונים, ראיונות, הקרנת סרטים, ערבים מוסיקליים וכיוצא בזה. כמו כן תערוכות מתחלפות חדשות שהן סיבה טובה לארועים מסוג זה. להצלחה ניכרת זכו המפגשים שבהם העלו אישים יש־ראליים זכרונות מקהילות מוצאם.

בכדי למשוך קהל רחב יותר נערכים חלק מן האירועים בש־פות נוספות מלבד עברית, בעיקר באידיש ובאנגלית.

## מבט לעתיד

בצד התשבחות הרבות זכה בית התפוצות גם לביקורת, והיה זה כמובן בלתי נמנע שמפעל רב היקף וחשוב כל כך ימלט משבט הביקורת.

הביקורת נסבה בעיקר על שני היבטים. חלק מן המבקרים טענו כי בעוד שהמוזיאון הצליח באופן יוצא מן הכלל בהצגת ההיסטוריה היהודית בתקופה העתיקה ובימי הבינים, הוא לא הש־כיל לייצג באופן הולם את החיים בעת החדשה. מתחילת תקופת האמנסיפציה בסוף המאה ה־18 ואילך עד ימינו למעשה לא זכו לביטוי הולם כל אותן בעיות מורכבות הניצבות בפני העם היהודי כיום.

לשמחתנו בא אלינו יהודי מלוס־אנג׳לס, מניצולי השואה, ותרם סכום מכובד לבנית אגף חדש ע״מ שיוכלו להגשים אותם האֵברים שחסרים.

עלי לציין שהנהלת המוזיאון הציגה בקומה 3 מוצג משנים 1764 — 1667 — היריד בלובלין ומפגש יהודי בין ארצי — ועד ארבע הארצות, ודבריו של החוזה מלובלין: „בלום זה אלוהים שאין אתה יכול לעבדו״.

ביום 24.7.87 התקיים מפגש עם המנהל הראשי של בית התפו־צות בהשתתפות חברי הועד: מ. אורטמן, מ. ווסונג, מ. הורן, ד. שטוקפיש וא. שריפט. מר דורון מנהל ראשי של בית התפוצות העלה מספר הצעות להנצחת בני עירנו:

א. הקרנת סרט על לובלין שלפני מלחמת העולם השניה, ועירנו אחרי השואה, כפי שעשו זאת הערים הגדולות: וארשה, קרא־קוב, ביאליסטוק, וילנה ועוד.

ב. קנית חדר באגף החדש או הישן, בו ילמדו תלמידי בית ספר תיכון, סטודנטים, וחיילי צה״ל על השואה ותולדות עם ישראל.

לדעתי יש לפנות לבני עירנו בהקדם בארץ ובחו״ל ולהסביר להם את התכנית הנ״ל ולהתחיל במגבית מיוחדת בכדי להגשים ולבצע את ההנצחה הזו.

# א רב אין טשעכיוו

**סימבאָליש פאַר לובלין — די הייליקע שטאָט מיט הייליקע רבנים.**

**נ. שמן** / טאָראָנטאָ

אין איינעם פון זיינע „פראָסט און פשוט״ קאָלומס (טאָג מאָרגן־זשורנאַל, נאָוועמבער 25, 1956), דריקט זיך אויס דער לובלינער יעקב גלאַטשטיין, אַז לובלין איז געווען „אַ שטאָט אַ סימבאָל״.

„מיין שטאָט לובלין — שרייבט ער — איז געווען סימבאָליש פאַר אַלע יידישע שטעט אין דער אַלטער היים, וואָס דאָס גאַנצע יידישע איינגעפונדעוועטע לעבן זייערס (איז געווען — נ. ש.) געבויט אויף זאַמד... די געבויטקייט אויף זאַמד, הייבט זיך אָן פאַקטיש מיט דער אַלטער געשיכטע פון לובלין. שוין אין פערצנטן יאָרהונדערט, האָבן אין לובלין געוווינט יידן. זיי האָבן אָבער נישט געטאָרט וווינען אין דער שטאָט גופא, נאָר אויף דעם „יידישן זאַמד״, אַ דערפל נישט ווייט פון לובלין, וואָס האָט אויף פויליש געהייסן „פיאַסקי זשידאָווסקיע״... ווען די נאַציס זענען געקומען, האָבן זיי פריער געוואָרפן אַן אויג אויף לובלין...״

לובלין איז פון די נאַציס באַשטימט גע־וואָרן פאַר אַ „רעזערוואַט״, אין וועלכער יידן זאָלן אומקומען (וועגן דעם — ביי ד״ר יוסף טענענבוים אין זיינע ווערק: יידיש, העברעיש און ענגליש) און נאָך דעם איז געקומען די ליקווידאַציע אין דער שכנותדיקער מיידאַנעק, וואָס וואַרפט אַ שרעק ביים דערמאָנען אָט דעם פאַרניכטונג־לאַגער ביי לובלין.

ווי גלאַטשטיין גיט איבער, זענען פון די פופציק טויזנט לובלינער יידן אין לובלין, גע־בליבן אמתע לובלינער **פופציק** — „אחד מאלף, איינער פון טויזנט״...

לובלין האָט דורך די יאָרהונדערטער גע־נוג זיך אָנגעליטן פון גזירות, דעפּאָרטאַציעס, פּאָגראָמען — די שונאים האָבן געוואָלט פאַר־פינצטערן דאָס זאַמדיקע לעבן פון יידן, אָבער פונעם יידישן ישוב אויפן זאַמד האָט לובלין באַוויזן צו פאַרשפּרייטן ליכטיקייט צו דער גאַנצער יידישער וועלט, אַרויסגעגעבן **וווּנדער־לעכע ליכטיקע יידן** — ווי גלאַטשטיין דריקט זיך אויס. יעדער פון די אָרטיקע גרויסע יידן האָט פאַרמאָגט גייסטיקע דערהויבנקייט אויף אַלע געביטן; יעדער פון אָט די גרויסע יידן איז געווען סימבאָליש פאַר דער דאָזיקער עיר ואם, וואָס איז געוואָרן דאָס זיץ־אָרט פון „ועד ארבע ארצות״, מיט אירע תורה־מוסדות, אָנ־הייבנדיק מיט ר׳ יעקב פּאָלאַק, ר׳ שלום שכנא, מיט אירע ישיבות און שולן, מהרש״ל, מהר״ם,

חוזה מלובלין און די לעצטע יאָרן: **ישיבת** חכמי לובלין און צענדליקער פאָלקס־אינסטיטוציעס — אַריינגערעכנט די וועלטלעכע יידישע דערציונג און סאָציאַלע אינסטיטוציעס.

די אָרטיקע אַדמורים, רבנים, עסקנים — און ניט ווייניק דאָקטוירים, פּראָפעסיאָנאַלן האָבן געשטראַלט מיט געוואַלטיקער גייסטיקער רייכקייט — זיי זענען געוואָרן סימבאָלן אין דער סימבאָלישער שטאָט.

אין דער דאָזיקער ריי, געהערט דער רב, פון וועמען איך האָב געקראָגן היתר־הוראה. זיין נאָמען הרב ר' אליעזר עזרא קירשענבוים זצ"ל והי"ד.

אין מיין ספר לובלין (דערשינען אין 1951), דערמאָן איך די אָפיציעלע רבנים אין לובלין, דעם ראַבינאַט, פריער אונטער דער פירערשאַפט פון ר' אליהו קלאַצקין ז"ל און נאָך אים — מהר"ם שפּירא ז"ל, ראש ישיבה און רב הכולל און מיט אים, די פינף רבנים: ר' יוסף הכהן פשיסוכע (גערופן וויסאָקער רב), דעם כהנ'ס שטיף־זון; ר' שמעון וויזענבערג (אָנגעזען ביי אדמו"ר ר' שלמה איגער און ר' עזריאל מאיר איגער); ר' הערשל פינקעלמאַן (גערופן וואָלינער רב); ר' יעקב יהושע (יאָשע) וויינריב (גערופן טאָרבינער רב); ר' אליעזר עזרא קירשענבוים און נאָך איינעם, וועמעס נאָמען איז מיר אַרויס פונעם זכרון.

ווען דער ספר לובלין האָט דערגרייכט ירושלים, מסתמא אין נאַציאָנאַלן ביליאָטעק, האָט געטראָפן דער פּראָפעסאָר ד"ר י. מ. גרינץ, באַרימטער פאָרשער, וויסנשאַפטלער פון גאָר אַ הויכער מדרגה און איבערזעצער פון פאָרש־אַרבעטן אין אַנד. לשונות. ער איז דער מחבר־איבערזעצער פון אַ ווערק ביי'ם באַרימטן אַרכעאָלאָג און היסטאָריקער וויליאַם פ. אָלברייט: ,,מתקופת האבן ועד הנצרות".

פּראָפעסאָר גרינץ שרייבט מיר, אַז ער איז אַ שוועסטער־קינד פון ר' אלעזר עזרא, טשעכיווער רב:

דעם לעצטן באַזוך — שרייבט ער — האָב איך געמאַכט ביי אים, אַהערפאָרנדיק קיין ארץ־ישראל, אין יאָר תרצ"ז, אַ וואָך פאַר שבועות. דער רב, אויב איר ווילט וויסן גענויער, שטאַמט פון ראָדים (ראַדאָם — נ. ש.), ווו ס'האָט געלעבט ביזן אומגליק כמעט די גאַנצע משפחה.

קינדווייז (כ'גיב עס איבער, ווי מיין מוטער הי"ד האָט מיר געפלעגט דערציילן) איז ער געווען זייער אַ שוואַכלינג, איז די מוטער זיינע געגאַנגען צום פשיטיקער רבין, האָט ער איר געזאָגט: אַ סך יידישע מאַמעס וועלן זיך ווינטשן צו האָבן אַזעלכע קינדער.

„ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, איז ער געזעסן יומם ולילה אין בית המדרש און געלערנט. שפּעטער האָט ער באַקומען סמיכה פון אָסטראָווצער רבי'ן און אַנדערע (ער האָט געהאַלטן, אַז דער אָסטראָווצער רבי האָט צופיל מקל געווען אין עקזאַמען).

אַלס רב, האָט ער אַ גאַנצע וואָך נישט געגעסן קיין פלייש און דערביי געפאַסט דריי מאָל אין דער וואָך: מאָנטיק, דאָנערשטיק און פרייטיק, אויך ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ גט, האָט ער געמאַכט אַ תענית יחיד.

זיין גאַנץ לעבן ניט געגעסן קיין „פעלץ" (הויט) פון דער מילך, ווייל יינגלווייז, האָט ער איינמאָל געהאַט אַ „תאוה" אַראָפּצוכאַפּן די פעלץ פאַרן דאַווענען, האָט ער אויף זיך גענומען אַ נדר, מער קיין פעלץ ניט צו עסן.

מיט געלט־זאַכן האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט און געבליבן ביז סוף ימיו וווינען אין טשעכיוו (דאַכט זיך, ס'האָט לעצטנס געהייסן לעשטשינסקי־גאַס). לויט אַ ידיעה פון אַ לובלינער ייד וואָס איז געבליבן לעבן (דער ווייב'ס אַ משפחה, פון די קוראָפּאַטוועס), איז ער אומגעקומען דורך די נאַציס נאָך פאַר דער אויסזידלונג, אין אַ שבת, ווייל ער האָט צוגעלאָזט יידישע שחיטה (כשר — נ. ש.).

כ'האָב נאָך ליגן אַ יחוס־בריוו פון אים. דער רב האָט געשטאַמט פון „פני יהושע", „מגיני שלמה", און ווי שרייבט עס דאָרט, דער עלטער־זיידע זיינער ר' יחזקאל פון פשיסכע (דעם רבי'ן ר' בונם'ס אַ חבר און מחותן פון „יוד הקדוש": ער איז געווען אַן אָפּשטאַם „מן בת הרה"ק מוהר"ר משה סאגוס ז"ל, דור עשירי להאר"י ז"ל, נין ונכד למהר"ל אבד"ק פראָג".

**וואָס קען איך צוגעבן?**

דער טשעכיווער רב האָט זיך נוהג געווען מיט תענית, ווי זיין רבי, דער אָסטראָווצער רב און רבי, אדמו"ר ר' מאיר יחיאל הלוי זצ"ל. איך בין אַן עדות אויף זיין התנהגות. די וואָכן, וואָס ער האָט מיך עקזאַמינירט אין ידיעות פון שולחן־ערוך, האָט ער מיך געהייסן עפּעס טועם זיין נאָך אַ טאָג שווערע אַרבעט — אָבער ער האָט גאָרנישט טועם געווען. איך האָב אים אָבסערווירט דעם גאַנצן טאָג, ביז שוין נאָך מנחה־מעריב, האָב איך געזען, אַז ערשט ביי־נאַכט האָט ער טועם געווען פון אַ פשוט מאכל... אַ פּראָטאָטיפּ נוסח אָסטראָווצע — די התנהגות פון אָסטראָווצער רבין.

ער האָט אָבער נישט נאָכגעפאָלגט דעם אָסטראָווצער רב, ביים פאַרהערן און ביים געבן סמיכה. נאָך וואָכן פון פאַרהער, האָט ער מיט אחריות אַרויסגעגעבן דאָס פּאַפּירל ,,ראוי להורות" — מיטן צוגאָב ,,וכל מן דין סמיכי לנאָ..."

נאָכן איבערלייענען גרינצס בריוו, האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מיין רבי אדמו"ר ר' שלמה איגר זצ"ל — הי"ד, האָט דווקא געוואָלט איך זאָל ווערן אַ מוסמך ביים טשעכיווער רב, ביי וועמען ער האָט אי צדקות, אי שטרענגקייט.

דער טשעכיווער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די סימבאָלישקייט פון לובלין — פון די יחידי סגולה, וואָס פּויליש יידנטום האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — וועט נאָך אַמאָל אויפשטיין אַזאַ יידנטום אין תפוצות הגולה?

←

# יידן האָבן אַ קורצן זכרון

(אַ פּאָלעמיק מיט ש. ל. שניידערמאַן)

## חיים קליגער

אין „קול לובלין״ נומער 21 האָב איך געלייענט צוויי רעפּאָרטאַזשן וועגן לובלין: איינער פון א. קוואַטערקאַ „אַ שפּאַציר־גאַנג איבער דער יידישער אַלטשטאָט״; דער צווייטער — פון ש. ל. שניידערמאַן „מצבה פאַר דער ישיבת חכמי לובלין״ — געשריבן אין אַ פּאַסטאָראַלער שטימונג, ממש אַ נחת צום לייענען. לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז דאָס אַ גוטע סחורה, שיין פאַרפּאַקט, גוט רעקלאַמירט פאַר עקספּאָרט קיין אויסלאַנד, לטובת דעם רעזשים אין פּוילן און כדי אָפּצונאַרן די לובלינער יידן, וואָס לעבן אין די תפוצות.

א. קוואַטערקאַ שרייבט, אַז „שוין אין נאָוועמבער 1944, האָבן זיך דאָרטן גענומען זאַמלען די לובלינער יידן און פון אַנדערע שטעט. דער ערשטער יידישער קאָמיטעט האָט אויפגענומען אַלע לעבן געבליבענע אין באַרימטן פּרץ־הויז, נאָך זעקס פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן. דאָס ערשטע מאָל האָט אָפּגעהילכט דאָס יידישע ליד, אויפגעזונגען דורך דער על־פּינס געראַטעוועטער דיאַנאַ בלומענפעלד״.

פרעג איך: ווען וועט א. קוואַטערקאַ אָנשרייבן אַ רעפּאָרטאַזש פון די יאָרן 70־1967, ווען ס'איז געווען אין לובלין אַ יידישער קאָמיטעט אויף קראַקעווער פּאַרשטאָט 13 און געלעבט אין לובלין האָבן אַן ערך 150 יידן (עטלעכע פופציק משפּחות). ס'איז געווען אַ יוגנט־קלוב, ווו מ'האָט געזונגען יידישער לידער, געלערנט דעם יידישן אלף־בית, מ'האָט פאַרקויפט אַ 50 „פאָלקס־שטימע״, 25 אַבאָנענטן פון „יידיש־בוך; זומער — ספּעציעלע קאָלאָניעס פאַר יידישער קינדער. מע האָט אין לובלין געשפּילט דעם „דיבוק״, „מירעלע אפרת״, אַ „גאָלדפאַדען־חלום״, „סענדער בלאַנק״, „מאיר יוזעפאָוויטש״, אַ „ווינטער־נאַכט״. דער יוגנט־קלוב האָט געשפּילט אַנאַ פראַנק אין דער פּוילישער שפּראַך און פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער לובלינער וואָיעוודסטווע. 100 יידן האָבן געקויפט בילעטן אויף אַ יידישער פאָרשטעלונג. דאָס טעאַטער איז שטענדיק געווען פול מיט פאָרשטייער פון דער פּוילישער קולטור־וועלט. דער יידישער קלוב איז אין לובלין געווען אַ שם דבר. געווען אויך אַ יידישע קאָנגרעגאַציע (קהילה), אַ בית־המדרש מיט עטלעכע מנינים פרומע מיט וועלטלעכע. מ'האָט איינגעאָרדנט פּסח־סדרים פאַר אַלע יידן, און דעם 9טן נאָוועמבער געגאַנגען אויפן בית הקברות, געזאָגט קדיש, טעלעוויזיע אין לובלין וועגן צעשטערטן יידישן לעבן אין די געמאַכט אַן „על מלא רחמים״. און געלייגט בלומען ביים מאָנומענט. פרעג איך: ווען וועט מען זען אין דער פּוילישער יאָרן 70־1967 ? ווען וועלן מיר לייענען וועגן די מאָראַלישע און פיזישע ליידן, וואָס יידן האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט ? אומגליקלעך איז געווען דער ייד, וואָס האָט באַזיצט אַ טעלעפאָן אין שטוב — כוליגאַנישע דראָונגען, באַליידיקנדיקע אויסדרוקן האָבן נישט געפעלט. „מיר האָבן אַ ניי שמירעכץ פאַר אייערע פּאַרכעס; ווען פאַרלאָזט איר לובלין ?״ איך בין ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן די צרות, וועלכע לובלינער יידן האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט.

אינטערעסאַנט צו ברענגען עטלעכע ציפערן: אין לובלין זענען געווען בערך 18 יידישע מענער, וואָס האָבן געהאַט קריסטלעכע פרויען. אָבער קיין איין יידישער מאַן האָט ניט פאַרלאָזט זיין פּוילישע פרוי. דאַקעגן האָבן 8 יידישע מיידלעך גענומען קריסטלעכע מענער. 3 פון זיי האָבן די מענער געראַטעוועט פון די דייטשע מערדער און גליקלעך געלעבט צוזאַמען. דאַקעגן 5 קריסטלעכע יוגנטלעכע, שוין דערצויגן אין נייעם פּוילן מיט קאָמוניסטישער דערציונג, צוזאַמען געלעבט אויפן אוניווערסיטעט, — זיי אַלע האָבן פאַרלאָזט זייערע פרויען, אויסער איינעם, וואָס איז צוריק געקומען צו אַ יידישער פרוי.

*

דאָס לעצטע אָרט וואָס ד״ר ש. ווייס האָט געוויזן דעם פּוילישן טעלעוויזיע־צושויער, איז געווען דער דענקמאָל, וואָס איז געוואָרן אויפגעשטעלט אין לובלין אין 1963. דאָס איז דער איינציקער זכר, וואָס איז געבליבן נאָכן חורבן פון יאָר 1967. דערנאָך — דאָס „צעלייגן אויף טעלערלעך״ דעם אָנדענק־טאָוול אויפן בנין פון דער געוו. ישיבה חכמי לובלין. די פרייד, אַז דאָס איז געוואָרן דורכגעפירט דורכן שטאָט־פּרעזידענט דאָבטשינסקי, מיט עטלעכע צופעליקע באַזוכערס אין לובלין, אַמעריקאַנער רבנים.

איך פרעג: פאַר וואָס האָט מען געדאַרפט וואַרטן גאַנצע 40 יאָר, כדי אויפקלאַפּן אַ טאָוול אויף דער ישיבה־געביידע ? אין יאָר 1965, האָבן איך און דער באַקאַנטער קולטור־טוער פּייזול פריד ז״ל זיך געבעטן ביים דעמאָלטיקן דירעקטאָר פון פּרץ־הויז, ווו ס'איז געווען אַ לערער־אינסטיטוט, פּראָפ' פּרנס, אַ ייד, ער זאָל אונדז דערלויבן צו באַנייען דעם אַלטן אויפשריפט „קולטור־הויז אויפן נאָמען י. ל. פּרץ״ — האָבן מיר אַזאַ דערלויבעניש ניט באַקומען.

מיר האָבן געפאָדערט אין לובלינער שטאָטראָט אָנצורופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּרץ, אָנשטאָט אַן ענטפער, זענען געקומען פּאַראוורפן: „כאַלאַטשאַזשעט, זיי ווילן אַלץ פאַרכאַפּן״. די אָרטיקע פּוילישע פרעסע „שטאַנדאַר לודו״ און „קוריער לובעלסקי״ האָבן אויסגעגאָסן פולע עמערס אַנטיסעמיטישן שמוץ אויף די עטלעכע יידישע משפּחות אין לובלין.

ש. ל. שניידערמאַן שרייבט ווייטער: „דער לובלינער דענקמאָל געהערט צו די געציילטע מאָנומענטן, וואָס זענען אויפגעשטעלט אין קאָמוניסטישן פּוילן״. דאָס איז זיכער אמת. נאָר שניידערמאַן ווייסט נישט, אַז וועגן די העברעיִשע פּסוקים, וואָס די יידישע קאָמוניסטן האָבן דערלויבט אויפ־

## א רב אין טשעכיי

שרייב איך די שורות י' מנחם־אָב, ס'שטייען נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן די ווערטער פונעם מקונן: „על אלה אני בוכיה... כי רחק ממני מנחם...״

און צוזאַמען מיט דעם פּיטן, פאַרגיס איך טרערן וועגן די „ארזי הלבנון, אדירי התורה... טהורי לב קדושים מתו במיתה חמורה...״

מיר טאָרן ניט פאַרלירן האָפענונג, אַז „ייטיב ד'... און „לאורו נסע ונלך״.

צושרייבן, איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף אין דער פּאַרטיי. לויט ש. ל. שניידערמאַן קומט אויס, אַז דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אין לובלין, איז געגאַנגען אין לעבן אַז לובלינער יידן זאָלן האָבן אַ דענקמאָל. ווי דער געוועזענער סעקרעטאַר פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין לובלין (איך שטרייך אונטער — ניט קיין פּאַרטייאישער), איז מיר די געשיכטע פון דענקמאָל גוט באַקאַנט. דער אמת איז דער, אַז דווקא די קאָמוניסטן גרשון וויסקאָפּ, רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן ז״ל און יצחק שניידמאַן, זענען געווען די איניציאַטאָרן און די גאַנצע משא פונעם דענקמאָל האָבן זיי געשלעפּט אויף זייערע פּלייצעס. די שוועריקייטן זענען ניט צו באַשרייבן. אַ סטודענט וועט קענען מאַכן אַ דאָקטאָראַט אויף דער טעמע „דענקמאָל אין לובלין". דעם פּאַטראָנאַט האָט איבערגענומען דער פּאַרזיצער פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין וואַרשע, העלד פון באַוווּסטן „רויטן אָרקעסטער" — לייב טרעפּער־דאָמב — ווייל דער גרעסטער טייל יידישע קאָמוניסטן האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעניכטערט... און דער גוטער גוי, דעמאָלטדיקער וואָיעוואָדע יאַן דאָמבעק און אינזשעניר־אַרכיטעקט וואַרעצקי, אויפזעער איבער די אַלטערטימלעכקייטן, זענען געווען מענטשן מיט אַ הומאַניסטישן און ליבעראַלן צוגאַנג. שפּעטער האָט מען זיי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, באַזייטיקט פון דער פּאַרטיי, דערנאָך רעהאַביליטירט — אַלץ דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויפריכטיק געשטיצט דעם געדאַנק פון דענקמאָל.

ביים אַנטהילן דעם דענקמאָל, איז דער גאַסט־רעדנער געווען פּראָפ׳ בערל מאַרק ז״ל, דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין רעדע אין פּויליש (אויפן פּלאַץ שוויענטאַ־דוסקאַ, היינט — האַנקאַ סאַוויצקאַ). ס׳זענען זיכער געווען אַ צען טויזנט פּאָליאַקן. אַז ער האָט געענדיקט אין פּויליש, זאָגט ער צו די פּאַרזאַמלטע: „דערלויבט מיר צו ריידן איצט אין דער שפּראַך, מיט וועלכער ס׳האָבן גערעדט מיינע אויסגעמאָרדעטע ברידער־יידן — יידיש".

שניידערמאַן שרייבט, אַז היינט געפינען זיך אין לובלין אַ 3 מנינים יידן. איך קען יעדן ייד אין שטאָט. ווער זענען זיי? דער ייד יאַנעק, וועלכן מיר האָבן געזען אין אונדזער טעלעוויזיע, האָט זיין שניידער־וואַרשטאַט אויף לובאַרטאָוווסקע 19. מ׳האָט געקענט זען אויף זיין פּנים דעם פּיין און דעם ווייטיק, ווען זיין איינציקע טאָכטער האָט געמוזט איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן, כדי דער גוי זאָל וועלן מיט איר חתונה האָבן — און זיין דערקלערונג פאַר דעם ישראלדיק זשורנאַליסט: „ניטאָ קיין יידן אין לובלין און עס וועט ניט זיין".

נחום שוץ (פּאַראַסאַלניק), וועמענס ליד „מאַדליטוואַ" איז געווען געדרוקט אין אונדזער „קול לובלין"; משה אַדלער, דער פּאַרזיצער פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד — אַ פּאַרבאַנד אָן יידן.

נאָך אַ תושב, אונגער, דער שמש פון שול, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען נאָר צו האַלטן די שליסלען. שוין געשטאָרבן. רפאל אַדער, געווען שוחט, חזן און בעל־תפילה. מער געוווינט אין וולאָדאַווע, ווי אין לובלין. אויך שוין אויפן עולם האמת. ווייטער לעבן אין לובלין פינף יידישע אלמנות — צוויי פון קריסטלעכע מענער, דריי פון יידישע מענער. די אַנדערע פון יידישער אָפּשטאַמונג, האָבן ניט צו טאָן מיט יידן און יידישקייט. זייערע קינדער ווייסן ניט, אַז זייערע טאַטעס זענען יידן און די פּאַטערס דערציילן ניט אַז זיי זענען יידן.

זעט אויס, אַז מיר האָבן געלעבט מיט אילוזיעס און געבליבן מיט גרויסע אַנטוישונגען. אין די יאָרן 1967־70 האָט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו — קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע עסקנים, אויך פּשוטע יידן, געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן לובלין. ווער קיין שוועדן, ווער קיין דענמאַרק, און די גרעסטע מערהייט — קיין ישראל. מיין מיינונג: דאָרט ווו ס׳זענען ניטאָ קיין יידן, דאַרף מען גאָר ניט בויען. מען זאָגט: פאַר דער היסטאָריע, צי פאַר דער אַרכעאָלאָגיע. די רומפולע שטאָט לובלין האָט שוין געשאַפן פאַר זיך אַ שיינע, רייכע היסטאָריע און נייטיקט זיך ניט מ׳זאָל צולייגן אויף טעלערלעך אַ העברעישן אויפשריפט אויף דעם בנין פון דער ישיבה.

# השואה - סרטו של קלוד לנצמן

## סויקה ארליכמן (בנק)

הסרט הוא דוקומנטרי, למרות שאף תמונה אינה אותנטית מהזמנים ההם.

הסרט מתחיל בנוף פסטורלי על הנהר נארב. שני בני אדם שטים בסירה. תמונותיהם משתקפות במים, כמו בתוך הראי. אחד מהם, שר שיר פולני נוגה: „מאַלי ביאַלי דומק" (בית קטן לבן)... קולו הערב מתמזג עם הנוף המקסים והמוכר. גל של געגועים מתעורר בקרבי. הנוסעים מתקרבים לחוף. אחד הוא תושב המקום. השני „תושב חוזר", איש בגיל העמידה. הוא בא עם קלוד לנצמן לשחזר את עברו מלפני 35 שנה. נער בן 13 היה. כל יום צעד פה לעבודה ורגליו כבולות בשרשרת. בדרך שר שירים פולניים האהובים על אוכלוסיית המקום. כולם הכירוהו וחבבו אותו ואת שירתו. לעתים זרקו פרוסות לחם. גם שירים גרמניים שר. נעים היה לגרמנים לשמוע שירתו. אולי בזכות קולו ניצל?

הוא מתהלך בין מכירים. הם זוכרים אותו ואף שומרים לו את חיבתם. התכנסו כולם סביב האורחים. מספרים על הזוועות שהיו לעדים. כאן, בחלמנו, נהגו הגרמנים בשיטה פשוטה לחיסול יהודים: הקורבנות היו מוסעים במשאיות סגורות. צינור הקשור לצינור פליטה, הועבר לתוך המשאית והנהג החל לנסוע. בתחילה שמעו צעקות — ואחר כך הכל נדם. הנהג המשיך בנסיעתו עד היער הקרוב ושם חיכו בורות מוכנים. „הנוסעים" הגיעו גם הם מוכנים לקבורה.

שיטה פשוטה להפליא. לא כן?

מקום המפגש: למרגלות הכניסה, כאן היו מגיעות המשאיות. הנאספים מדברים ביחד, כולם זוכרים פרטים רבים. צער מורגש בפניהם. ברגע מסויים, איש אחד גבוה לבוש היטב, נזכר בשקט, איך הוא הגיש למסכנים לחם ומלפפונים. הוא מספר באי־בטחון. אפילו שכח לספר איזה מחיר ביקש. לאט, לאט בטחונו גובר והוא יוצא מהקבוצה ורוצה לספר

סיפור שמע „מעד ראיה": חבר שלו מהעיירה הקרובה היה נוכח בגירוש יהודים. כולם התאספו, ואתם הרב. כולם בוכים והרב נושא דרשה: „על ראש העם היהודי בכל הדורות רובץ דם של ישו הנוצרי הנצלב. כעת הגיע הזמן לקבל את הדין ואת העונש! הכל משמים" ככה זה. לא קריאת שמע, לא „אני מאמין", לא „אל מלא רחמים" — רק ישו הנצלב לפני 2000 שנה... הקהל הקשיב, פניהם השתנו: „כן, כן, זה בעד ישו!". נימה של צער על נרצחים נעלמה ולא היתה. כאן, דרך דלתות הכנסיה, יצאו הפולנים בכל הדורות עם מטען חדש של שנאה. בצאתם מהכנסיה, שכחו את תפילתם הצבועה: „אבינו בשמים מחל לנו, כפר לנו, סלח לנו, כפי שאנו סלחנו לכל החוטאים כלפינו".

מתחלפים נופים, תמונות, עדויות. פקיד גרמני ממחנה טרבלינקי מספר על קור וריח רע ששורר שם (עדות מצולמת נסתרת). ויש פגישה עם „היורשים" הפולנים, היושבים בב־תים יהודיים, לובשים בגדים יהודיים, אוכלים בסכו"ם וכלים יהודים — בלבם שנאה ליהודים, שאינם עוד. „וודאי היהו־דיות היו יותר יפות, הן לא עבדו" — אומרת בחורה אחת, שעד היום היא אנלפבטית. „כל המסחר והתעשיה היו בידיהם ונצלו את העם" — אומר השני. ונגד עיני, כסרט נע מופיעים החייטים, הסנדלרים, נגרים, נפחים, פחחים ועוד ועוד ועיניהם אדומות מעבודה עד אישון הלילה, במלחמה מתמדת לפרנסה וחינוך ילדיהם. איפה הם? לו הספיקו להגיע לכאן, לארץ הקשה, מה שונה היה גורלם מגורל בפולניה מלאה עוני של שני העמים. מה — שונה — היה גורלנו — פה, עמם ביחד. ו־עכשיו, שוב מחפשים את הדולרים היהודים ומוכרים לנו, המפו־זרים בכל העולם, את אפר אבותינו. „בעד כסף מתפלל הכומר" Za pieniądze ksiądz się modli, za pieniądze lud się podli! אומר הפתגם הפולני.

והיו אחרים. אחד מהם הוא פרופ' בארסקי, איש מחתרת לשעבר. הוא מספר על פגישתו עם נציגים יהודים בווארשה והם הסבירו לו טרם הגירוש, מה שונה הסכנה שעורבת ליהו־דים והפולנים בעת הכיבוש. את היהודים רוצחים ממש. הוא יצא לחפש עזרה ומצא דלתות סגורות ונעולות בעולם „הנ־אור". ביקשו נשק ולא ניתן. כעת פרץ בבכי עצור זה שנים רבות.

המצלמה עוברת על היערות ועצים הזקופים, שצמחו באדמה מדושנת היטב. אולי העצים מעבירים את זעקתם לשמים האטומים?

ובסוף — ישנה עדות של גרמני מבוגר, איש תמים. תמים כתינוק. הוא לא ידע ולא שמע דבר. רק ב־1944 נודע לו על השמדה. האיש התמים רושם כל פרט שכרגע נודע לו, הוא רושם הכל בפתק, בוודאי יבדוק, הוא היה סגנו של הקצין אורסוולד מ„באפלשטלה" בווארשה. איך אפשר לדרוש ממנו שידע? הוא היה ממונה על הספקה לגיטו: „נו, היו צריכים לדאג לאוכל — אנשים עבדו!" „האם ידעת שגירשו מהגיטו יום־יום 5000 איש?" והוא עונה: „נו, ייתכן, היה שם צפוף מאד, לא כן?" הוא הכיר את צ'רניאקוב, אבל תאריך 22, 23 ביולי 1942 לא אומר לו כלום. (הוא רושם): מענין, מענין...

# דערשאסן ביי די שמאטעס...

ישראל אייזענבערג / לאָס־אַנזשעלעס

דעם 3טן דעצעמבער 1986, האָב איך און מיין פרוי באַלטשע באַזוכט די טעאַטער־פאַרשטעלונג „געטאָ" פון ישראלדיקן דראַמאַטורג יהושע סאָבאָל, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין לאָס־אַנזשעלעס, אין דער ענגליש־איבערזעצונג פונעם אַמעריקאַנער שרייבער זשאַק ווירטעל. דאָס טעאַטער איז איינס פון די שענסטע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און גע־פינט זיך אינעם „מוזיק־צענטער" אין מאַרק „טעפּיער פּאַוויליאָן". בעת דער פאַרשטעלונג, וועלכע שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן אין ווילנער געטאָ, אין דער אונטער־נעמונג, וווּ מ'האָט סאָרטירט די קאָנפיסקירטע בגדים פון די דעפּאָרטירטע יידן — ווי אויך נאָכן ספּעק־טאַקל גופא, האָבן מיך אומאויפהערלעך באַגלייט ענלעכע בילדער פון לובלינער געטאָ, וווּ אויך מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ביים סאָרטירן די שמאַטעס, און ביי דער אַרבעט זענען דערשאָסן געוואָרן אַלע באַשעפטיקטע יידן. נאָר איך און נאָך אַ לובלינער ייד זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון יענער שחיטה.

ווי געזאָגט, שילדערט די פּיעסע דאָס לעבן אין געטאָ ווילנע, דער געראַנגל דאָרט צווישן יידן־קאָלאַ־באָראַנטן, יידן־קאַפּיטולאַנטן און יידן־ווידערשטענד־לער, ווי דאָס האָט געהאַט אָן אָרט אינעם רוב געטאָס אין דער אָקופּירטער פּוילן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָר פּאָר אַלעמען — אייניקע ידיעות פון דער שטאָט ווילנע, באַקאַנט מיטן נאָמען ירושלים דליטא, ווי זי האָט געשילדערט עקיבא לע־וונטאַל:

די דאַטע פון אַנטשטייונג פון דער שטאָט, ווערט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1323. זי איז היינט די הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע. ווילנע איז געווען באַרימט מיט אירע גרויסע רבנים, גאונים און תל־מידי־חכמים, וואָס דער פּראָמינענטסטער צווישן זיי איז געווען דער וועלט־באַרימטער ווילנער גאון. נאָך היינט לערנט מען אין די ישיבות אין דער גאַנצער וועלט זיינע חיבורים און פּירושים. ווילנע איז אויך געווען דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די שטאָט איז געווען באַרימט מיט איר פּאַרלאַגוויזן, הויך־אַנט־וויקלטער יידישער קולטור און רעליגיעז לעבן. דער ווילנער ש"ס איז אַנערקענט ווי די בעסטע אויסגאַבע

פון תלמוד. דאָס יידישע טעאַטער, דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוואָ), אַ יידישע קאָנסערוואַטאָריע און אָפּערע־הויז, אַ פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע, יידישער חינוך אין אַ ברייטער נעץ פון שולן, חדרים און ישיבות. אַ שטאָט, וווּ ס׳האָט געברויזט מיט יידיש־געזעלשאַפטלעך, קולטורעל און רעליגיעז לעבן.

הגם דער מחבר פון „געטאָ" איז אַ סאַברע, געבוירן אין ישראל, האָט ער שוין אָנגעשריבן אייניקע יידישע פּיעסן, ווי אויך ישראלדיקע, פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער. דאָסמאָל האָט ער אויסגעקליבן די דראַמאַטישע און טראַגישע געשעענישן אינעם ווילנער געטאָ, וואָס האָט אויף די העכער טויזנט אָנוועזנדיקע צושויערס, לרוב געוו. קאַצעטלערס, איבערגעלאָזט אַ געוואַלדיקן רושם. די א. ג. אין אַמעריקע „סורוויווערס" און פון דער שארית הפליטה, האָבן מיטגעלעבט און ווידער אַמאָל איבערגעלעבט זייער אייגן געטאָ־לעבן ביי זיך אין שטאָט, אין יענער פינצטערער תקופה פון נאַצישער אונטערדריקונג און באַהערשונג: יידישע פּאָליציי, יודענראַט, ליידן און פּיין, מענטשלעכע געפאַלנקייט און דערהויבנקייט — ווי איך האָב דאָס אַלץ צוגעזען און מיטגעלעבט אין לובלינער געטאָ און אין די טויט־לאַגערן (געשילדערט אין מיין בוך „פאַר וואָס גראָד איך?"...).

אין די געשטאַלטן פון יהושע סאָבאָל׳ס „געטאָ", ווי דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, פּיינשטיין, האָב איך געזען אַ טרייע קאָפּיע פונעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ לובלין, מאָניעק גאַלדפאַרב, פּונקט ווי אַנדערע האָבן געזען זייערע „היימישע" יידישע פּאָליציי־שעפן... נאָר פאַר מיר איז די דערמאָנטע פּיעסע געווען אַן איבערחזרונג פונעם סאָרטירן די קליידער און שמאַטעס ביי יאַנקל שמאַטשאַזש, וווּ מיר האָבן דאָס געטאָן מיט די בגדים פון די יידן, וועלכע מ׳האָט געשיקט אין די קרעמאַטאָריעס פון מיידאַנעק, צי אין די מאַסן־גריבער פון קרעמפּיצער וואַלד, אָדער אין בעלזשעצער גיהנום. פּונקט ווי איך מיט נאָך לובלינער יידן זענען געוואָרן געשאָסן דורכן פּאָליציי־שעף, דעם נאַצי גלאָבאָצניק און דער לאַגער־שעף אויף ליפּאָווע 7, מאָהרווינקעל און זיין געהילף שראַם — אַזוי זענען די יידן אין געטאָ ווילנע,ביים סאָרטירן די שמאַטעס אין דער „אונטערנעמונג" פון הער ווייסקאָפּ, אויסגעשאָסן געוואָרן דורך דעם פּאָליציי־עלטסטן הענרי גראָנער, ווי דאָס האָט געטאָן אין לובלין דער אונטערוועלטניק שמאי גראַיער. בעצם, די זעלבע טונקעלע פּאַרשוינען, אויך ביי יידן אין געטאָ ווילנע, ווי אין געטאָ לובלין, צי אין אַנדערע געטאָס — בלויז די נעמען זענען נישט די זעלבע.

די אַרטיסטן אין לאָס־אַנזשעלעס, מיט זייער שפּיל און אינטערפּרעטאַציע פון די געשעענישן אין יענער תקופה, האָבן אויף אַ טרייען אופן אַלץ איבערגעגעבן. איך האָב בשעת מעשה געטראַכט, צי יהושע סאָבאָל האָט נישט מיטגעמאַכט דעם געטאָ אין לובלין און אין מיידאַן טאַטאַרסקי?!...

נישט ביי איין צושויער האָט די פאָרשטעלונג אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן. און ביי מיר? שוין 36 יאָר, ווי איך פאָר אויף דער טראַסע, וואָס פונעם טעאַטער צו מיר אַ היים, איז דער וועג מיר באַקאַנט פון אויסנווייניק. נאָר דאָסמאָל, נאָך דער פאָרשטעלונג „געטאָ", בין איך אַוועק אַ היפּש שטיק וועג ווייטער נאָך מיין וווינונג — און זיך געמוזט דערנאָך אומקערן אַ היים, פּונקט ווי כ׳האָב מיט די בילדער פון דער פּיעסע, זיך אויך אומגעקערט צוריק צו דער אַלטער היים מיינער, אין לובלין...



ביים אויסענדיקן דעם נומער „קול לובלין", האָבן זיך אומגעקערט פון פּוילן פיר איינוווינער פון ישראל, וואָס צוזאַמען מיט לובלינער יידן פון טאָראָנטאָ, לאָנדאָן, ליל, אַנטווערפּען, פּאַריז און געטעבאָרג, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די 2־טאָגיקע אונטערנעמונגען אָפּצומערקן דעם 45סטן יאָרטאָג פון ליקווידירן דאָס לובלינער געטאָ. אַ גענויער באַריכט פון די פּייערונגען — אין נאָענטסטן נומער פון „קול לובלין", וואָס דערשיינט אין אַפּריל 1988.

**אויפן בילד**: משה זאַלצמאַן, שלמה מושקאַט, רבקהלע און דוד שטאָקפיש מיטן קראַנץ פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, ביים מאָנומענט אין לובלין, דעם 9טן נאָוועמבער 1987.

teatrnn.pl

# MAŁY SZMUGLER

HENRYKA ŁAZOWERTÓWNA

Przez mury, przez dziury, przez warty,
Przez druty, przez gruzy, przez płot
Zgłodniały, zuchwały, uparty
Przemykam, przebiegam jak kot.
W południe, po nocy, o świcie
W zawieję i skwar
Po stokroć narażam swe życie,
Nadstawiam dziecinny swój kark.

Pod pachą zgrzebny worek,
Na plecach zdarty łach,
I młode zwinne nogi
I w sercu wieczny strach.
Lecz wszystko trzeba ścierpieć
I wszystko trzeba znieść,
By państwo mogli jutro
Do syta chleba jeść.

Przez mury, przez dziury, przez cegły
Po nocy, o świcie i w dzień
Zgłodniały, zuchwały, przebiegły
Przesuwam się cicho jak cień.
A jeśli dłoń losu znienacka
Dosięgnie mnie kiedyś w tej grze,
To zwykła jest życia zasadzka,
Ty, mamo, nie czekaj już mnie.

Nie wrócę już do Ciebie,
Nie dotrze z dala głos.
Uliczny pył pogrzebie
stracony dziecka los.
I tylko jedną troską
Na wargach grymas skrzepł,
Kto Tobie, moja mamo,
przyniesie jutro chleb?



י. פוקס : יידן אין געטאָ אין דער ריי נאָך אַ מאָלצייט
יהודים בגיטו בתור לארוחה חמה

# וועגן פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט לובלינער יידן

**(אויפן ראַנד פון די צוגרייטונגען אָפּצומערקן דעם 45סטן יאָרטאָג פון אומברענגען דעם לובלינער יידישן ישוב)**

## אַלעקסאַנדער שריפט

„כל המקיים נפש אחת... כאילו קיים עולם מלא"...
(סנהדרין ד׳ ה)

„יוער עס ראַטעוועט איין נפש, איז פונקט ווי ער וואָלט דערהאַלטן די גאַנצע וועלט"...

די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" פון 28סטן מערץ 1987, האָט געברענגט די ידיעה וועגן צוגרייטן טרויער־פייערלעכקייטן, געווידמעט דעם 45סטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין לובלין. דער פּראָגראַם האָט צווישן אַנדערע פאָרויסגעזען די דערעפענונג פון אַן אָנדענק־צימער אין דעם געוועזענעם „חברת נושאים בית המדרש" אויף לובאַרטאָווסקאַ 10 (4). צווישן אַנדערע עקספּאָנאַטן און אויסשטאַטונג איז פאָרויסגעזען איינצומויערן אין איינע פון די ווענט פון „אָנדענק־צימער" אַ טאָוול, וואָס דאַרף דערמאָנען די הילף פון דער פוילישער געזעלשאַפט ביים ראַטעווען יידן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939 — 1944).

ווען כ׳האָב זיך געטיילט מיט אָט דער ידיעה מיט אַ גרופּע פריינד, צווישן זיי אויך לובלינער יידן, האָט זיך אַרום דער טעמע „ראַטעווען יידן דורך פּאָליאַקן" אַנטוויקלט אַ גאָר אינטערעסאַנטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן קעגנזעצלעכע מיינונגען. צווישן אַנדערע האָבן מיר געהערט: „לאָז מיך צורו מיט די פּאָליאַקן — ווען זיי וואָלטן נישט געהאָלפן די דייטשן, וואָלטן אַ סך יידן זיך געקאָנט ראַטעווען... אָבער דאָס איז צום גרויסן באַדויערן נישט געשען. פאַרקערט, ביי די פּאָליאַקן איז טיף איינגעוואָרצלט דער אַנטיסעמיטיזם און זיי האָבן זיך גלייכגילטיק (אויב נישט מיט צופרידנקייט) צוגעקוקט, ווי די דייטשן ,לעזן ענדגילטיק׳ דאָס יידן־פּראָבלעם אויף דער פוילישער ערד"...

אויף די ווערטער האָט אַ פרוי, וואָס האָט איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין פוילן, רעאַגירט: „אפשר די גרעסטע מערהייט, אָבער נישט אַלע פּאָליאַקן האָבן אַזוי זיך אויפגעפירט. איך אַליין לעב היינט אַ דאַנק דעם, וואָס אַ פוילישע משפחה האָט מיך אויסבאַהאַלטן גאַנצע צוויי יאָר און זיך געטיילט מיט מיר מיטן לעצטן ביסן. צוזאַמען מיט מיר זענען נאָך פינף יידן געווען באַהאַלטן ביי דער זעלבער משפחה"...

די דיסקוסיע האָט אָנגערעגט דעם שרייבער פון די שורות זיך דורכצושמועסן מיט אייניקע לאַנדסלייט, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין פוילן, אַ דאַנק דער הילף וואָס פּאָליאַקן האָבן זיי אַרויסגעוויזן.

די ערשטע איז געווען בראָניאַ עקהאָוז (פון דער היים וואַסערמאַן), וואָס וווינט אין מעלבורן. זי האָט דערציילט:

— אין יאָר 1939, בין איך מיט מיין צוקונפטיקן מאַן מישאַ אַוועק קיין קאָוועל, צו די סאָוויעטן. מיר האָבן דאָרט געלעבט, געאַרבעט און אויך חתונה געהאַט. כ׳האָב פאַרשוואַנגערט און דעם 19טן יוני 1941 איז געבוירן געוואָרן אונדזער זונדעלע רישעק. מיין מאַן מישאַ איז געווען מאָביליזירט, אַזוי, אַז כ׳בין איינע אַליין געבליבן מיט אַ פּיצל קינד.

— אין אַזאַ פאַרצווייפלטער לאַגע, האָב איך זיך געפונען און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. כ׳האָב זיך געוואַלגערט מיטן קינד פון איין אָרט צום צווייטן און געזוכט אַ מקום מנוחה. כ׳האָב פּרובירט זוכן הילף ביי אַ גלח, וועלכער האָט מיך אויפגענומען מיט אָט די ווערטער: Wy Żydzi będziecie teraz płacić za zamordowanie Chrystusa.

— כ׳בין אַוועק פון דעם „גייסטלעכן" מיט אַ פאַרביטערט האַרץ און זיך געטראַכט: „אמת, מיין 14חדשימדיק זונעלע דאַרף באַצאָלן פאַרן דערמאָרדן כריסטוסן"...

— כ׳האָב פּרובירט מזל אין אַן אַנדערער פּאַראַפיע, אָבער דער גלח האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און מיטלייד און געזאָגט: „טאָכטער מיינע, איך פּערזענלעך קאָן דיר נישט העלפן, ווייל מ׳קוקט מיר נאָך אויף שריט און טריט. אָבער פאָלג מיין עצה, גיי אַוועק אין דאָרף עליזווקאַ און דאָרט וועסטו געפינען אַ געהעריקע הילף"...

— און אַזוי איז טאַקע געווען. כ׳האָב אין דעם פוילישן דערפל געפונען צייטווייליקע אַרבעט — געגייט פאַר די פּויערים און אויך אויסגעפירט אַנדערע אַרבעטן.

— אין דעם דאָרף, אַרבעטנדיק ביי דער משפחה שטשעפאַנאָוו, האָב איך צופעליק באַקענט אַ פוילישע פרוי פון קאָוועל, וועלכע פלעגט ברענגען פון שטאָט געוויסע זאַכן און זיי אויסטוישן אויף פּראָדוקטן. די פרוי וואָלאָשינסקאַ (אַזוי האָט זי געהייסן) האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען קיינער האָט נישט באַמערקט און מיר געזאָגט, אַז אויב כ׳וועל זיך געפינען אין אַ שווערער לאַגע, זאָל איך זי באַזוכן אין קאָוועל.. זי האָט מיר געגעבן איר אַדרעס, הגם זי האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ יידישקע, ווייל מיין יינגעלע איז געווען אָן הייזעלעך און זי האָט געזען, אַז ר׳איז געמלעט — און פאַר העלפן יידן האָט געדראָט טויט־שטראָף.

— דאָך, ווען כ׳האָב זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע און באַזוכט די פרוי וואָלאָשינסקאַ, האָט זי מיך העפלעך אויפגענומען, מיט אַ פריינטלעך פּנים, דערמעגלעכט אָפּוואַשן זיך און מיין קינד, געגעבן עסן, און דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ — זי האָט מיך שטענדיק געטרייסט, צוגעגעבן מוט, כ׳זאָל זיך נישט אונטערגעבן נאָר אַלץ טאָן, כדי איבערצולעבן די שווערע צייטן.

— זי פלעגט מיר איבערגעבן ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און דערציילט: „די דייטשן הייבן זיך אָן צוריקציִען... די סאָוויעטישע אַרמיי ברעכט זיי אָן די ביינער"... ביי יעדן צוזאַמענטרעף, האָט די גוטמוטיקע, האַרציקע פרוי מיר אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. אַ דאַנק איר פילזייטיקער הילף, האָב איך באַוויזן בייצוקומען אַלע שוועריקייטן און דערלעבן די באַפרייונג.




די צערעמאָניע פון צוטיילן דעם ערן־דיפּלאָם דער משפחה פּאָמאַרסקי פון לובלין, וואָס איז פאָרגעקומען אין „יד ושם" דעם 24סטן יוני 1987.

דאָס בילד האָבן צוגעשיקט בראָניע און מישאַ עקהאוס פון מעלבורן.

— אָבער איין פאַל מוז איך דערמאָנען, ווייל ער האָט דעצידירט מיין גורל. ווינטער 1943, איז מיין פאַרצווייפלונג געווען גרויס. די פראָסט האָט געקנאַקט און אַרום — פינצטער־חושך. אַ פאַרפרוירענע, האָב איך געוואָלט איבערזיצן אָדער איבערליגן אין פאָדערהויז פון די וואָלאָשינסקיס, מיטן קינד צוגעדריקט צום האַרץ, עס זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן. פלוצים האָט זיך די טיר געעפנט און עטלעכע יונגע מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען, וואָס האָט מיך געצווונגען שנעל זיך אויפצוהייבן און אַריינגיין אין דער ווינונג, ווו ס׳האָבן זיך געפינען די פרוי, אירע צוויי דערוואַקסענע קינדער — (20 און 18 יאָר אַלט) און — דער יינגסטער, וואָס איז אַלט געווען 3 יאָר און געשלאָפן. אַלע האָבן זיך דערשראָקן, ווייל ס׳האָט געדראָט טויט־שטראָף, ווען עמעץ וואָלט צוגעטראָגן די דייטשן. ס׳האָט געהערשט אַ צערודערונג. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי די פרוי וואָלאָשינסקאַ האָט רעאַגירט אויף דער געשאַפענער סיטואַציע. זי האָט זיך געוואָנדן צו אירע קינדער מיט די ווערטער: „אויב איר שרעקט זיך — גייט אַוועק שלאָפן צו אייערע פריינד... די פרוי מיט איר קינד וועלן דאָ איבערנעכטיקן..."

— זי האָט מיך בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסגיין פון דער ווינונג. דער דרייסטער, העלדישער באַשלוס פון דער פרוי האָט געווירקט אויף די קינדער, וואָס זענען געבליבן אויפן אָרט.

— צומאָרגנס, נאָך פרישטיק, האָבן מיר זיך ביידע דורכגעשמועסט. כ׳בין געווען פאַרצווייפלט, נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן. מיר איז אַפילו געקומען אַ געדאַנק: אפשר מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעמען און זיך איבערגעבן דער פאָליציי?... אָבער ניין! די גאַסטגעבער האָבן מיר דערציילט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן און כ׳מוז געפינען די כוחות צום אויסדויער. זיי האָבן מיר געראַטן זיך אומצוקערן אויפן דאָרף און באַקעמפן דעם ייאוש. די פרוי וואָלאָשינסקאַ האָט מיר צוגעגרייט אַ פעקעלע עסן, געגעבן אַ רעקל מיט אַ פּאָר הייזלעך פאַרן קינד (איר קליינער זון האָט די זאַכן פריִער געטראָגן) און פאַר מיר האָט זי געגעבן אַ וואַרעמע שאַל. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט דער גאַנצער פאַמיליע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די פרוי האָט מיך באַגלייט עטלעכע קילאָמעטער, אין דער ריכטונג פון די פוילישע דערפער. מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען איבער די קאָוולער גאַסן און גערעדט. איר יעדעס וואָרט איז געווען פול מיט פריינדשאַפט און דערמונטערונג; זי האָט אין מיר דערוועקט דעם גלויבן, אַז אויב ס׳זענען פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע מענטשן ווי די פרוי וואָלאָשינסקאַ, איז כדאַי צו קעמפן פאַרן לעבן.

— און אַזוי איז טאַקע געשען. כ׳האָב דערלעבט די באַפרייונג.

די ערשטע יאָרן נאָך דעם קריג, האָט בראָניאַ אַרומגעוואַנדערט, הגם זי איז נישט געווען ביים בעסטן געזונט. אָבער נאָכן באַזעצן זיך אין מעלבורן (אויסטראַליע), האָט זי׳ זיך באַמיט, אויפגעזוכט די טייערע משפחה, געוואָנדן זיך צום „יד ושם", דערציילט וועגן דער פרוי וואָלאָשינסקאַ, וועלכע איז אַנערקענט געוואָרן אַלס איינע פון די „חסידי אומות העולם" — און איר יונגסטער זון לעשעק האָט אין וואַרשע אָפּגענומען דעם ערן־דיפּלאָם, אין נאָמען פון זיין העלדישער מוטער, וועלכע איז שוין אַלט 94 יאָר...

## שרה ראַפּאַפּאָרט פון לובלין דערציילט...

### (פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך ערלעך פאַרדינט, מיר זאָלן זיי דערמאָנען מיט ליבשאַפט)

וועגן דעם איידעלן פּאָרפּאָלק אינטעלעקטואַלן, איזאַבעלאַ און בראָניסלאַוו לוביטש־ניטש, דערציילט שרה ראַפּאַפּאָרט פון לובלין:

— מיט דער פרוי איזאַבעלאַ האָב איך זיך באַקענט עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה ביי דערציונג־אַרבעט, ביי וועלכער מיר זענען געווען באַשעפטיקט. כ׳האָב אָבער פאַר־

לוירן דעם קאָנטאַקט מיט איר נאָך פאַרן אויסברוך פון קריג. אין צווישנצייט איז די משפחה **ניטש** אַוועק קיין וואַרשע. ווען מ'האָט ליקווידירט דאָס לובלינער געטאָ, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן קיין וואַרשע. דאָ האָב איך פון אַ בשות־פותדיקן באַקאַנטן זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פון די ניטש'ס.

ווי שרה דערציילט ווייטער, האָט זי אין איינעם אַ טאָג געוואָגט אויפצוזוכן זייער וווינונג און מיט שרעק און אומ־זיכערקייט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווען די טיר האָט זיך גע־עפנט, האָט זי שטיל געפרעגט: „צי איז די פרוי איזאַבעלאַ אין דער היים?" איר מאַן האָט אויסגערופן: „איזאַבעלאַ, זע נאָר וואָס פאַראַ גאַסט מיר האָבן!" — און זי אויפגענומען מיט פריינדשאַפט.

שרה איז געבליבן ביי די ניטשס. זי האָט זיך דאָרט גע־פילט ווי ביי זיך אין דער היים. דער 17־יאָריקער זון יאַנעק, האָט איר אַפילו אָפּגעטראָטן זיין צימער, ווויסנדיק, אַז שרה איז אַ יידישע טאָכטער.

ווען שרה ראַפּאַפּאָרט האָט אַראָפּגעברענגט פון לובלין אַ יידישע משפחה, האָבן די ניטשס מסכים געווען זיי אַריינ־צונעמען צו זיך, ביז זיי האָבן פאַר דער משפחה געפינען אַן אַנדערע וווינונג. די ניטשס האָבן זיך אויך באַמיט און אויסגעאַרבעט „לינקע פאַפּירן" אויפן סמך פון פאַלשע מעט־ריקעס און אַזוי אַרום געהאָלפן אַ סך יידן — דערוואַקסענע און קינדער. זיי איז אויך געלונגען אויסצובאַהאַלטן אַ גע־וויסע צאָל יידישע קינדער אין די קלויסטערס. און אין דעם אַלעמען האָט אויך מיטגעהאָלפן יאַנעק זייער זון.

אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון די ניטשס, האָט שרה ראַפּאַפּאָרט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס לייטערין פון אַן אינ־טערנאַט פאַר יינגע מיידלעך. די באַציונג פון דער האַרציקער משפחה צו יידן, דאָס אויסשטרעקן אַ ברודערלעכע האַנט די געפּלאָגטע און געיאָגטע אין אַזעלכע שוואַרצע טעג, ווען פאַר העלפן יידן האָט מען געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן — האָט באַאיינפלוסט אַלע, אַזוי, אַז זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן גלייבן אינעם ווערט פון מענטש. אין רעזולטאַט פון דער אַלזייטיקער הילף פון די ניטשס, איז שרה ראַפּאַפּאָרט גע־לונגען איבערצולעבן די שרעקלעכע תקופה פון דער צוויי־טער וועלט־מלחמה.

נאָך דעם ווי שרה ראַפּאַפּאָרט האָט זיך באַזעצט אין ישראל, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן באַמיונגען אַראָפּצוברענגען די טייערע פריינד קיין ישראל, אין הייליקן לאַנד. דאָס איז איר געלונגען צו רעאַליזירן אין יאָר 1964. די ניטשס זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געפּלאַנצט אַ בוים אין דער אַלעע פון די „חסידי אומות העולם" אין „יד ושם" אין ירושלים.

מיט אַזעלכע מעשים האָכן זיי דערהויבן דעם באַגריף „מענטש" צו דער העכסטער מדרגה און קאָנען דינען פאַר אַ מוסטער אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער.

אונדזער פאָלק וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

## צעשיאַ (צפורה) פישער־טראַכטענבערג,

**קאָמיטעט־מיטגליד פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל דערציילט:**

— מיין מאַן ראָמאַן פישער האָט פּלאַנירט צו אַנטלויפן פונעם לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אויף ליפּאָווע 7 אין לובלין און אָנקומען אין וואַלד, כדי צושטיין צו די פּאַרטי־זאַנער. אָבער דאָס איז נישט צושטאַנד געקומען. מיט דער הילף פון אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, איז אים אָבער געלונגען אַנט־לויפן קיין וואַרשע. איך האָב אין יענער צייט באַקענט אין וואַרשע אַ געוויסן „פּאָליאַק" ד"ר ראַווינסקי, וועלכער האָט אונדז צוגעזאָגט הילף. אַ דאַנק ד"ר ראַווינסקי, האָב איך באַקענט דעם פּולקאָווניק וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונדזער רעטונג.

— איך אַליין האָב געהאַט „גוטע פּאַפּירן" און זיך גע־קאָנט פריי באַוועגן אויף די וואַרשעווער גאַסן. אויפן סמך פון אַ מעטריקע פון אַ געשטאָרבענער, וואָס דער גלח האָט דעם טויט־פאַל נישט פאַרנאָטירט, האָט מיר ד"ר ראַווינסקי אויסגעאַרבעט אַ „קענקאַרטע" אויפן נאָמען **לוציאַ זבראַ־דזשינסקאַ**. צוליב אַ לייכטזיניקע האַנדלונג פון אַ קוזינקע פון איינעם, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט אונדז, איז אונדזער וווינונג געוואָרן „טריפה" און מיר האָבן געלעבט אין שרעק. אויך דאָס געלט האָט זיך ביי אונדז געענדיקט און ס'איז נישט געווען צו צאָלן קיין דירה־געלט.

— כ'האָב זיך דאַן דערמאָנט אין פּולקאָווניק קאָוואַלסקי'ס ווערטער ביי אונדזער ערשטע באַגעגעניש: „אַז איר וועט נישט האָבן פון וואַנען צו לעבן און וואוהין צו גיין, וועט מיין הויז שטיין פאַר אייך אָפן"... און ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט אונדזער לאַגע, איז ער גלייך געקומען און אונדז איבערגעפירט אין זיין דירה אויף פּאַנסקע 111.

— פּולקאָווניק קאָוואַלסקי האָט אויך געהאַט קאָנטאַקטן מיטן געטאָ און דאָרט געהאָלפן אַ סך יידן. זייענדיק אַ פאַר־שטייער פון דער פירמע „פיליפּס" אויף פּוילן און עסטרייך פון יאָר 1935 ביז 1944, האָט ער געהאַט אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט צו באַזוכן אין געטאָ. ער האָט טאַקע די דער־לויבעניש אויסגענוצט און אַריינגעשמוגלט מעדיקאַמענטן און געווער. ר'איז אויך געווען פאַרבינדלער צווישן די געטאָ־אויפשטענד־לער און דער פּוילישער אונטערערדישער מילי־טערישער באַוועגונג, אין וועלכער ר'איז געווען איינער פון די קאָמאַנדירן.

— אין קאָוואַלסקיס דירה בין איך געווען איינגעמאָלדן אַלס זיין שוועסטער־טאָכטער. צוזאַמען מיט אונדז האָבן אין דער וווינונג זיך אויפגעהאַלטן מיין מאַן, מיין שוואָגער מיט דער שוועגערין, סטוועק וואַכאַלדער און באַלעק גאָלדפאַרב. אין אָנהייב האָט קאָוואַלסקי איינגעקויפט רוישטאָפן, פון וועלכע מיין מאַן האָט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע שפּילצייג, וואָס מ'האָט פאַרקויפט אין גאַס. קאָוואַלסקי האָט אָבער איינ־געזען, אַז דאָס וועט געפערלעך, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם מסחר. דערפאַר אָבער זענען מיר אין קורצן געבליבן אָן געלט. האָט דער פּולקאָווניק אונדז אַוועקגעגעבן זיין חודש־געהאַלט, אויך זיין עמעריטור — צוזאַמען אַ סומע פון 3.500 זלאָטעס.

— זייענדיק אַ הויכער אָפיציר אין דער אונטערערדי־

שער באַוועגונג, איז צו אים דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז ביי אַ פּאָליאַק באַהאַלט זיך אויס אַ גרופּע יידן, וועלכע ווערן סיסטעמאַטיש שאַנטאַזשירט און מען פּרעסט פון זיי אויס כסדר געלט, דראָענדיק זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון די דייטשן. קאָוואַלסקי האָט זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון זיינע מיטקעמפער, מאַיאָר סאָבאָלסקי און געבעטן אויסצופאָרשן דעם ענין. סאָבאָלסקי, צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן צידאָווסקי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אמת און דער שאַנטאַזשיסט איז דורכן פּוילישן אונטערגרונט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. די גרופּע יידן (8 פּערזאָן), וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי דעם שאַנטאַזשיסט, האָט קאָוואַלסקי איבערגעפירט אין זיין וווינונג.

— נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט קאָוואַלסקי צונויפגענומען 65 יידן אָפּגעראַטעוועטע פון געטאָ און זיי אַריבערגעפירט אין אַ בונקער, אין וועלכן די באַדינגונגען זענען געווען ביז גאָר שווערע. נאָך צוויי וואָכן, האָט זיך געענדיקט דער פּראָוויאַנט און דער הונגער איז געווען גרויס. מ׳האָט זיך „דערנערט" מיט וויטאַמינען און צוקער. דאָס האָט דערפירט צו אַ נערוון־צוזאַמענברוך און קאָוואַלסקי האָט געמוזט שווער אַרבעטן, כדי אָפּצוהאַלטן די מענטשן פון יאוּשדיקע שריט.

— מיר האָבן דאַן אָנגעהויבן גראָבן אַ טונעל, זיך דערשלאָגן צו אַנדערע בונקערס און דאָרט געפינען פּראָדוקטן, וואַסער, אַנטועכץ און אַפילו בעטגעוואַנד. שפּעטער, ווען ס׳איז געוואָרן שלעכט מיט וואַסער, האָבן מיר אָנגעהויבן גראָבן אַ ברונעם. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און מ׳האָט שוין געוואָלט אויפהערן גראָבן, אָבער קאָוואַלסקי האָט נישט אויפגעגעבן. ער האָט אַליין געגראָבן, ביז ס׳האָט אַרויסגעשפּריצט וואַסער. אונדז איז אין בונקער געוואָרן לייכטער.

— נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון די פּוילישע אויפשטענדלער. האָט קאָוואַלסקי געקאָנט פאַרלאָזן וואַרשע, צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, אָבער ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן מיט אונדז און העלפן איבערלעבן די שווערע צייטן, ביז דער באַפרייונג.

— אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט, זענען עטלעכע צענדליק טויט פאַרמשפּטע יידן, געבליבן לעבן. די גרעסטע טייל פון זיי וווינט אין ישראל, אַ קליינע צאָל אין אייראָפּע און אין צפון־אַמעריקע.

— אַזאַ מענטש איז געווען וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי. הגם ער האָט געהערט צום פּוילישן אָפיצירן־קאָרפּוס, וועלכער האָט געשמ׳ט מיט זיין טיף איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער אַ דאַנק זיינע מעשים, זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה פון מענטשלעכער האַנדלונג, אַז ער קאָן דינען אַלס ביישפּיל פאַר דורות!

דאָס יידישע פאָלק האָט אים דורך דעם „יד־ושם" אַנערקענט ווי איינעם פון די „חסידי אומות העולם" און ער האָט געפלאַנצט אַ בוים אין דער אַלעע אויפן הר ציון אין ירושלים.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק!

## אַנדזשאַ) חנה פּרעס דערציילט:

אַנדזשאַ־חנה פּרעס מיט איר שוועסטער רעגינאַ, האָב איך באַקענט אין לובלין אין יאָר 1946, ווען כ׳בין צוריק געקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן געוווינט אין איין הויז אויף לובאַרטאָווסקע 8 און כ׳האָב שוין דאַן געוווסט, אַז אַנדזשאַ האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין פּוילן ביי גאָר שווערע באַדינגונגען און אַז זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים אויפן דאָרף. צוזאַמען מיט איר, האָבן איבערגעלעבט אויפן דאָרף און אין די וועלדער: איר שוועסטער רעגינאַ, צוויי ברידער, איר פעטער מיט אַ מומע און איר שפּעטערדיקער שוואָגער יצחק פאַרבשטיין („איגנאַץ"), פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון חיל (קאַפּיטאַן יחיאל) גרינשפּאַן. מיר האָבן זיך גוט געקענט, אָבער קיין פּרטים וועגן דער מלחמה־צייט האָט זי מיר נישט דערציילט. אין 1948 בין איך אַוועק שטודירן אין וואַרשע און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך ווייניק געטראָפן.

דער קאָנטאַקט צווישן אונדז איז געוואָרן צוריק אָבגעבונדן, נאָך מיין קומען קיין ישראל. ס׳זענען אַוועק אַ סך יאָרן און די טעמע „די שווערע מלחמה־צייט" איז נישט אַרויף אויפן טאָג־אָרדענונג פון אונדזערע געשפּרעכן.. ערשט מיט דריי יאָר צוריק האָט מיר אַנדזשאַ דערציילט וועגן די באַמיונגען וואָס זי מאַכט, כדי אַראָפּברענגען אירע רעטער קיין ישראל, זיי זאָלן אַנערקענט ווערן אַלס „חסידי אומות העולם". כ׳האָב זי דאַן געבעטן, אַז ווען דער ענין וועט ווערן אַקטועל, זאָל זי מיר צו וויסן געבן.

אין אָנהייב מאַי 1987, האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן־ידיעה, אַז דעם 24טן יוני 1987 קומט פאָר די פייערלעכע צערעמאָניע פון פלאַנצן אַ בוים אין דער אַלעע פון די „חסידי אומות העולם". כ׳האָב אויך געוווּסט דעם טאָג, ווען די האַרציקע מענטשן דאַרפן קומען קיין ישראל. כ׳האָב אַלץ אַוועקגעלייגט אין אַ זייט און געפאָרן באַקענען זיך מיט די טייערע געסט, וועלכע האָבן געוווינט ביי חנה פּרעס..

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וויכטיקסטע. מ׳האָט זיך דערמאָנט יענע שווערע צייטן, ווען מ׳האָט יידן געיאָגט און געפּלאָגט און זייער לעבן איז נישט ווערט געווען קיין גראָשן...

און חנה פּרעס דערציילט:

— ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָב איך מיט מיין שוועסטער געוווינט ביי אונדזער פעטער משה זילבערנאַדל אין בעלזשעץ. אין טאָג פון שמחת תורה 1942 האָט מען געמאָלדן, אַז אַלע יידן פון בעלזשעץ און אומגעגנט דאַרפן זיך שטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. אונדז פיר — מיין פעטער מיט דער מומע, מיר און מיין שוועסטער, איז געלונגען צו אַנטלויפן אין דאָרף וואָיציעכאָוו. מירביידע — איך און רעגינאַ, האָבן אַראָפּגעריסן די געלע באַנד און זיך געלאָזט איבערן דאָרף זוכן אַ מקום מנוחה. קיינער האָט אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין הויז, ביז מיר זענען אַוועק אויף דער קאָלאָניע „פּאַליקיע" און אָנגעטראָפן אויפן הויז פון די פּאָמאָרסקי׳ס. אין דעם הויז האָבן געווינט: דער פאָטער יוזעף פּאָמאָרסקי מיט פיר זין, פון וועלכע וואַצלאַוו (וואַצעק) איז געווען דער עלסטער. זיי האָבן אונדז שוין נישט פאַרטריבן. יוזעף פּאָמאָרסקי׳ס פרוי

האָט שוין נישט געלעבט און די שוועגערין, פרוי קייטאַ־נאָוואַ, האָט געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט. דעם זעלבן טאָג איז טאַקע די קייטאַנאָוואַ געקומען פון שטאָט און דערציילט, אַז די דייטשן מיט די אוקראַינער האָבן דערמאָרדעט אַ גרויסע צאָל יידן. די קייטאַנאָוואַ האָט אויף אונדז אַ קוק געטאָן, אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און אַ זאָג געטאָן אויף איר דאָרפיש לשון: „דזיעוווטשיצע, פשעסטאַנטאַ פלאַקאַט, בענ־דזיע דאָבזשע... און ווייטער צוגעגעבן: קומט אַריין. איך וועל קאַלעכן די ווענט און איר וועט אויפּרוימען נאָכן אויס־ווייסן. אָבער פאַר אַלץ, קומט אַריין, וואַשט זיך אַרום, עסט עפּעס וואַרעמס און דערנאָך צו דער אַרבעט"...

די האַרציקע קייטאַנאָוואַ האָט אונדז אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. נאָך די אָפּזאָגן פון אַזוי פיל אַנדערע, האָט זי אונדז אויפגענומען מיט מענטשלעכע, וואַרעמע ווערטער.

מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי די פּאָמאָרסקיס, ווו אויך אַנדערע יידן האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן שטענדיק געהאַט מיט אונדז מיטלייד און אַפילו געטרייסט מיט אַ גוט וואָרט, פאַרזיכערט, אַז די שווערע צייט וועט אַריבער און ס'וועט נאָך זיין גוט.. זיי האָבן זיך געטיילט מיטן קנאַפּן ביסן, ווען זיי אַליין האָבן נישט געהאַט צו פיל.

איין מאָל, ווען ס'זענען אומגעריכט געקומען 4 יידן און כ'האָב דאָס דערציילט דעם פאָטער — מיר זענען געווען 8 פערזאָן — האָט ער מיר געגעבן קאַרטאָפל מיט אַ ביסל מעל כ'זאָל אָפּקאָכן פאַר אַלע. אינמיטן צוגרייטן די וועט־שערע, האָב איך דערהערט דאָס בילן פון די הינט און פאַר־שטאַנען, אַז ס'קומט ווער אָן. האָבן איך זיך באַהאַלטן צווישן דער שאַנק און דער וואַנט. ס'זענען טאַקע אָנגעקומען וואַ־צעקס באַקאַנטע צו זוכן יידן, כדי מאַכן אַ סוף צו די „מאָש־קאָווני'ס", ווי מ'האָט גערופן מיך מיט מיין שוועסטער. וואַצעק האָט זיך באַמיט וואָס שנעלער אַרויסצופירן פון שטוב די אומגעבעטענע „געסט".. ער האָט געשטעלט „בימבער" און נאָך עטלעכע שעה, איז אים געלונגען פטור צו ווערן פון זיי. אונדזער לעבן האָט דאַן געהאַנגען אויף אַ האָר, ווייל זיי האָבן אונדז געזוכט, אָבער צום גליק — נישט געפינען.

דינען ווי אַ סימבאָל פון מענטשלעכער דערהויבונג. אונדזער פאָלק טאָר נישט און וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די גאַנצע משפחה פּאָמאָרסקי, די מומע זייערע, די קייטאַנאָוואַ און אויך די עלטערן פון וואַצעק פּאָמאָרסקיס פרוי, העלענאַ — יוזעף און יוזעפאַ בלאַשטשאַק, האָבן אויס־געשטרעקט אַ ברודערלעכע האַנט צו די אומגליקלעכע, גע־רודפטע יידן, זיי געהאָלפן אין די קריטישע מאָמענטן פון יענער תקופה, איינשטעלנדיק זייער אייגן לעבן.

זיי האָבן זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער פריינדשאַפט און ערלעך פאַרדינט דעם נאָמען „חסידי אומות העולם".

דעם 24סטן יוני 1987, איז די גוטהאַרציקע פאַמיליע פּאָמאָרסקי — דער פאָטער יוזעף מיט זיינע פיר זין, אויס־געצייכנט געוואָרן מיט דעם ערן־טיטל און דער עלטסטער זון, וואַצלאַוו מיט זיין פרוי העלענאַ, האָבן געפלאַנצט אַ בוים אין דער אַלעע אויפן הר־ציון אין ירושלים.

זייער העלדישע האַנדלונג אין יענע שוואַרצע טעג, קאָן

*

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען אויך דערמאָנען דעם וואַרשעווער פּאָליציאַנט **יאַן קוביצקי** מיט זיין פרוי **זאָפיאַ**, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין דער וווינונג אַ גרופּע יידן, צווישן זיי אונדזער בת־עיר שרה רוער־זיגעלוואַקס (פון דער היים קליינבוים).

ווי עס שטרייכן אונטער די אָפּגעראַטעוועטע, האָבן די קוביצקיס דאָס אַלץ געטאָן, אָן וועלכן ס'איז מאַטעריעלער פאַרגיטיקונג.

(געגויער וועגן זיי — אין „קול לובלין" נר. 21, ז"ז 45—47).

*

רעזומירנדיק די עדות פון די געראַטעוועטע דורך פּאָ־ליאַקן, קומט מען צו פאָלגנדיקע אויספירן:

א) נישט אַלע פּאָליאַקן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגע־קוקט אָדער געהאָלפן די היטלעריסטישע רוצחים אין זייערע פאַרברעכנס;

ב) הגם די אַלגעמיינע אַטמאָספער איז געווען פיינט־לעך צו יידן און די מסירות זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע געהאָלפן יידן — זיי אויסבאַהאַלטן ביי זיך און אָפּטמאָל זיך געהאָלפן יידן — זיי אויסבאַהאַלטן ביי זיך און אָפּטמאָל זיך געטיילט מיטן ביסן;

←



נאָכן פלאַנצן דעם בוים אויפן הר־ציון. די רעטער — חסידי אומות העולם דאָס פאָרפאָלק פּאָמאָרסקי פון לובלין מיט די געראַטעוועטע יידן.

אויפן בילד פון לינקס: וואַצלאַוו פּאָמאָרסקי, שלמה פרעס, חנה פרעס, העלענאַ פּאָמאָרסקאַ, דער „פּע־טער" משה זילבערנאַדל און לאה פרעס די טאָכטער פון חנה. אין די פאָדערשטע ריי 3 אייניקלעך פון חנה פרעס.

# פון ר׳ יעקב פּאָלאַק ביז ר׳ שלום שכנא

## בנימין לובעלסקי

די ערשטע יאָרן פון יידישן לעבן אין לובלין, זענען אַרומגענומען מיט אַ געדיכטן נעפּל. ערשט ביים סוף פון 14טן יאָרהונדערט, אין 1396, ווייזן זיך די ערשטע סימנים פון אַ יידיש לעבן — יידישע סוחרים פון לובלין פאָרן קיין קראָקע צו קויפן 200 טאָן אַשלאַג. אין 1475 לייענען מיר שוין אַז „דער קעניג קאַזימיר דער יאַגעללאָנער האָט דערלויבט אויפצושטעלן אַ בעלי־מלאכות צעך, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו קעמפן קעגן... יידן און פרעמדע״! קעגן וועמען איז שוין געווען צו קעמפן, אויב ערשט אין 1550 זענען אין לובלין געווען פאַרצייכנט 24 יידישע הייזער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער די שטאָט־מויערן, אַרום דער טשעכוווקע, שלאָסבאַרג, קראַוויעצקע, יאַטעטשנע, זאַמקאָווע, פאָדזאַמטשע און שעראָקע? די זאַך ווערט קלאָר, ווען מיר ווייסן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אונטער דער הערשאַפט פון אַ קעניג, וועלכער איז געשטאַנען אונטער שווערן דרוק פון קראָקעווער קאַרדינאַל, דעם גיפטיקן יידן־שונא, זביגניעוו אָלעשניצקי און דעם באַרימטן פוילישן היסטאָריקער יאַן דלוגאָש, וואָס האָט אין זיין געשיכטע פון פוילן, שטענדיק געפינען, אַז יידן זענען שולדיק אין אַלע פוילנס אומגליקן.

אַן אַנדערער בולטער סימן פון אַ יידיש לעבן, איז די עלטסטע מצבה פון ר׳ יעקב קאָפּעלמאַן הלוי בן יהודה, פון 1541, אויפן אַלטן יידישן בית־עולם. זענען דאָרט געווען עלטערע מצבות? דאָס ווייסן מיר ניט. יעדנפאַלס, די איז שטיין געבליבן — און ביז היינט צו טאָג! לויט פאַרהערטע מיינונגען, זאָל עס זיין די מצבה פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון די חכמי לובלין. פּראָפ׳ מאיר באַלאַבן פרעגט אָפּ די דאָזיקע השערה, אַז דאָס זאָל זיין זיין מצבה, מיטן אַרגומענט, אַז ר׳ יעקב פּאָלאַק איז געווען בן יוסף און ניט בן יהודה און אַז ר׳ יעקב פּאָלאַק איז געשטאָרבן אַ סך פריער. פּראָפ׳ דובנאָוו האַלט אָבער, אַז דער נאָמען פּאָלאַק איז פאָרמירט געוואָרן פון נאָמען קאָפּעלמאַן. דאָס איז ניט די איינציקע סברה אין דער דאָזיקער ריכטונג. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז דער נאָמען שטאַמט פון דער באַצייכענונג: **פה ולב קדוש**. אַנדערע האַלטן, אַז היות ער איז אין זיין רבנישער טעטיקייט געווען פאַרבונדן מיט פּראַג והמדינה לובלין, קראָקא — האָט זיך אַזוי פאָרמירט דער נאָמען פּאָלאַק. אַ פאַקט איז, אַז זיין נאָמען איז געווען געהייליקט ביי די לובלינער יידן — מ׳האָט זיך געקענט דערנענטערן בלויז ביז פיר טריט פאַר דער מצבה.

ביי דעם אַלעם ווייסט מען זייער ווייניק וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט פון דער תלמודישער וועלט. אייניקע האַלטן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין פּויזן, אין 1460. אייניקע האַלטן, אַז אין 1470, אין בייערן. מען ווייסט נישט ווען ער איז געשטאָרבן און ווו ער איז געקומען צו קבורה. דוד אזולאי, אין זיין „צמח דוד״ האַלט, אַז אין 1530. אייניקע — 1533, אין ירושלים, אַנדערע האַלטן — אַז אין לובלין.

מיר פאָלגן נאָך דעם לעבנסוועג פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, ווייל מיט אים איז פאַרבונדן, ווי מיר וועלן זען, דער גייסטיקער אַנטוויקלונג־וועג פון יידישן לובלין. און געווען איז עס אַ רייכע, פאַרביקע פערזענלעכקייט. געלערנט אין די ישיבות אין רעגנסבורג, אין נירענבערג ביים רב יעקב מרגליות, געווען אויך פאַרבונדן מיט ר׳ אברהם מינץ, אין פּאַדואַ (איטאַליע) און אין 1490 געווען רב און ראש־ישיבה אין פּראַג, ווו ער איז ניט לאַנג פאַרבליבן. אין 1492 האָט ער געמוזט פאַרלאָזן פּראַג און אַוועק קיין קראָקע. דאָרט האָבן געוווינט זיין שווער און שוויגער משה און רחל פּישעל, פינאַנסירער פון קיניגלעכן הויף, רייכע יידן, אין אַ גאָר הויכער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג. די ייִנגערע טאָכטער פון די פּישעלס, שרה (לויט באַלאַבאַן; אירענאַ — לויט גרעץ) האָט חתונה געהאַט אין פריען עלטער מיט דוד סענדערס. ווען זי איז געוואָרן פוליעריק, האָט זי ניט געוואָלט לעבן מיט איר מאַן און געבעטן איר שוואָגער צו שיידן זי פונעם מאַן אויפן סמך פון מיאון. לויט דער מסכת יבמות, קען אַ קליינע (קטנה) אָפּגעשיידט ווערן פון איר מאַן. ס׳איז גענוג אַ דערקלערונג פון דער ייִנגער פאַר אַ בית־דין, ביי צוויי עדות, אַז זי וויל ניט לעבן מיט איר מאַן. אַזעלכע נייטיקט זיך ניט אין אַ גט און קען אַפילו חתונה האָבן מיט אַ כהן. זי דאַרף אַפילו ניט וואַרטן קיין 90 טעג, ביז דער צווייטער חתונה. ר׳ יעקב פּאָלאַק האָט דערמעגלעכט די דאָזיקע שיידונג אויפן סמך פון מיאון און... אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער רבנישער וועלט! דער מהר״ם פון מירצבורג האָט אין 1440 פאַרבאָטן צו געבן אַ שיידונג אויפן סמך פון מיאון! די רבנים יעקב מרגליות און אברהם מינץ האָבן יעקב פּאָלאַק אַריינגעלייגט אין חרם. נאָר אויף זיין זייט זענען געשטאַנען זיינע תלמידים און הרב מאיר פּערקאָרן פון פּראַג. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך הרב פּעפּערקאָרנס ווייב און איר פאַמיליע געפינען אין

ג) די מענטשן, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן, האָבן זיך רעקרוטירט פון אַלע שיכטן פון פוילישן פאָלק (אַרבעטער, פויערים, אינטעלעקטואַלן, אָפיצירן און אַפילו — פּאָליציאַנטן);

ד) אַפילו אין די שווערע באַדינגונגען פון מערדערישן טעראָר, וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט אין פוילן, האָבן די, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער מענטשלעכן חוב צו העלפן יידן — געפינען די פּאַסיקע פאָרם און מיטלען צו דערלאַנגען די הילף.

מיט אַזעלכע בירגער און זיי ענלעכע מעג פוילן זיין שטאָלץ!

דאַקעגן די אַלע, וואָס האַלטן זיך עקשנותדיק ביי דער טעזע אַז „אַלע פּאָליאַקן...״ — ווילט זיך זאָגן: **„של נעליך מעל רגליך״**, ווייל זיי פּרובירן אויסמישן די „חסידי אומות העולם״ מיט אַלע אַנדערע פּאָליאַקן און זיי אַרונטערנעמען אונטערן „כל הנערים״.

תל־אביב, נאָוועמבער 1987.

תפיסה און די שוויגער פון יעקב פּאָלאַק האָט זיך פּאַר־
פליכטעט זי צו באַפרייען. פאַר דער באַמיונג האָט זי גע־
פאָדערט, אַז דער רב פעפערקאָרן זאָל זיך שטעלן אויף
פּאָלאַקס זייט. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער חרם איז גע־
בליבן חרם און ר' יעקב פּאָלאַק האָט געמוזט פאַרלאָזן פּראַג.

ר' יעקב פּאָלאַק איז געקומען קיין קראָקע אין אַ זייער
שווערער צייט. 1492 איז געווען דאָס יאָר, ווען די יידן זענען
פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע. אויך די יידן אין פראַנקרייך
זענען אויסגעשטאַנען ניט ווייניק פאַרפאָלגונגען און פון
דייטשלאַנד זענען זיי אויסגעוויזן געוואָרן פון מערערע
שטעט. אויך פון בעמען זענען יידן פאַרטריבן געוואָרן. צו
יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען דער גירוש קיעוו און
ליטע. אַ סך פון די פאַרטריבענע זענען געקומען קיין פוילן,
קיין קראָקע און אַפילו קיין לובלין. ניט צופעליק טרעפן
מיר אין לובלין דעם נאָמען פון שפּאַנישן דאָקטער מונ־
טאַלטאָ!

צווישן די פאַרשידענע פאַרטריבענע, האָבן געהערשט
פאַרשידענע שיטות, וואָס האָבן פאַרשאַרפט די באַציונגען
צווישן זיי אַליין און צווישן זיי און די פוילישע יידן־עדה.
צווישן די שפּאַנישע יידן האָט געווירקט די השפעה פונעם
רמב"ם און רלב"ג, צווישן וועלכע ס'איז אָנגעגאַנגען דער
ויכוח, ווי אַזוי צו פאַרבינדן תורה מיט וויסנשאַפט. מ'איז
געווען אין דעם שטאַרק פאַרטאָן. אין פראַנקרייך און אין
דייטשלאַנד האָט מען פאַרוואָרפן די דאָזיקע פילאָזאָפישע
דיסקוסיעס, מ'האָט פאַרשאַרפט און פאַרטיפט דעם אַנאַליז
פון דער תורה צו פאַרהיטן, צוזאַמענצוהאַלטן דאָס שארית
ישראל.

פוילן איז צו יענער צייט געווען דאָס לאַנד, וואָס האָט
געעפנט די טויערן פאַר די פאַרטריבענע יידן. זיי זענען דאָרט
אַריינגעלאָזט געוואָרן, כדי צו העלפן אַנטוויקלען דאָס לאַנד,
ווי ס'האָבן געטאָן די יעניקע, וועלכע זענען אַריינגעלאָזט
געוואָרן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק דורך קאַזימיר דעם גרויסן
און דורך די פריערדיקע פוילישע הערשער. זיי האָבן דאָרט
אַנטוויקלט אַ ברייטע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. אַפילו ביים
ווידערשטאַנד פון געוויסע פוילישע בירגערלעכע קרייזן, האָט
זיך דער יידישער יישוב אַנטוויקלט. זיי האָבן מיט דער צייט
דעראָבערט פאַר זיך אייגענע, יידישע געריכטן. די ריכטער
האָבן אָפּגעגעבן זייער שבועה פאַר אַ ספר תורה. אינעם גע־
ריכט האָט זיך אויך געפינען אַ פאַרשטייער פונעם וואָ״ע־
וואָדע, ווייל ס'זענען טיילמאָל אויך געווען קאָנפליקטן
צווישן יידן און די שליאַכטע, וועלכע זיי האָבן געמשפט.
לויטן געזעץ פון זיגמונט אויגוסט דער צווייטער פון 1551,
האָט דער, וואָס האָט געבראָכן דעם פסק פון אַזאַ בית־דין,
געקענט אין גרויס פוילן און אין מאַזאָווישע פאַרמשפט ווערן
אויף טויט־שטראָף און קאָנפיסקירונג פון זיין פאַרמעגן. דער
פאָרזיצער פון דעם בית־דין, דער אב־בית־דין, איז געוויילט
געוואָרן דורך דער קהילה אַליין, אָנעם אַריינמישן זיך פון
דער מאַכט און איז אונטערליגן בלויז דעם קיניג.

אין אַזאַ צייט פון יידישע געריכטן, איז דער תלמוד
געוואָרן די יורידישע באַזע — דער קאָרפּוס יורע פון די
יידישע ריכטער. דער תלמוד איז געוואָרן דער געבאָט פון
דער שעה. אויפן גרונט פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, האָט
זיך יעקב פּאָלאַק באַזונדערס אויסגעצייכנט.

געקומען קיין פוילן אין 1492, האָט ער דאָרט אויפגע־
שטעלט זיין ישיבה, וועלכע איז שוין אין 1495 געווען ווייט
באַרימט, אַ דאַנק זיין שיטה: דער חילוק, פּלפּול, וועלכע
ער האָט איינגעפירט. דער ציל פון דער שיטה איז געווען
שאַרפן דעם מוח, לערנען זיך באַנוצן מיטן געלערנטן מאַ־
טעריאַל, וואָס מער וויסן, וואָס מער געדענקען — דערלער־
נען דעם תלמוד, וואָס איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל אין
פּראַקטישן, טעגלעכן לעבן. זיין שיטה האָט אַרויסגערופן
גרויס אינטערעס און אויפלעבונג. יידישע בחורים, וועלכע
זענען ביז דעמאָלט געפאָרן אין די גרויסע ישיבות קיין
דייטשלאַנד און איטאַליע, האָבן איצט, צוגעצויגן דורך יעקב
פּאָלאַקס שיטה, גענומען פאָרן קיין פוילן.

אָבער קיין לייכט לעבן האָט ר' יעקב פּאָלאַק ניט געהאַט.
אין קראָקע זענען אויסגעבראָכן קריגערייען צווישן די
יידן פון בעמען און פוילן. אויך די אַנטי־יידישע העצערייען
האָבן זיך אויסגעווירקט און אין 1495 איז די גאַנצע פּישעל
פאַמיליע מיט פּאָלאַקן, איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. זיי
זענען אין קורצן באַפרייט געוואָרן און אין 1503 איז יעקב
פּאָלאַק באַשטימט געוואָרן דורכן קעניג אַלעקסאַנדער דעם
יאַגעללאָנער אַלס הרב הכולל פונעם פוילישן יידנטום. ס'איז
אין דעם געווען דער פיסקאַלער אינטערעס פונעם קיניג, אָבער
דאָס האָט אַרויסגערופן ניט קיין קליינעם שטורעם קעגן
אַריינמישן זיך אין די יידישע ענינים. דערביי האָט מען אויך
אויפגעמישט דעם ענין מיטן חרם און יעקב פּאָלאַק האָט
געמוזט פאַרלאָזן זיין אַמט און אויך קראָקע. אין 1509 איז
ער שוין צוריק אין קראָקע, אויפן סמך פון אַ באַגלייט־בריוו
פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן, אָבער בלויז אַלס ראש ישיבה.

לאַנגע יאָרן איז ער געשטאַנען אין איר שפּיץ, ביז 1522,
ביזן קאָנפליקט מיט ר' שמואל, דעם קעניגלעכן רופא, וואָס
האָט אים געצווונגען צו פאַרלאָזן קראָקע. זייט דעמאָלט האָט
מען פון אים ניט מער געהערט.

צווישן די המלצות פאַרן ספר פון ר' שלמה טרייביטש
פון פראַנקרייך (אין 1524), געפינט זיך אויך די המלצה פון
ר' יוסף אשכנזי פולק... מירושלים... דאָס איז דאָס לעצטע
מאָל וואָס מ'האָט פון אים געהערט. ווייטער ווייסט מען ניט
וועגן זיין פערזאָן. לויט דובנאָוון, זאָל ער פון ירושלים זיך
האָבן צוריק געקערט קיין לובלין און דאָרט געשטאָרבן.

די פּלפּול־שיטה האָט געהאַט אַ סך קעגנער. אויך דער
מהרש"ל און דער רמ"א האָבן די שיטה באַקעמפט — אָבער
יעקב פּאָלאַק איז הויך געשעצט געוואָרן. דער מהרש"ל האָט
אים באַצייכנט ווי גדול אחד בדורו. דער רמ"א האָט אים
באַטראַכט ווי דאָס „גרויסע ליכט״. אין זיין ספר „צמח דוד״,
דערשינען אין 1530, שרייבט זיין מחבר: „ר' יעקב פּאָלאַק
הוא הרב הגדול אשר שומעו יצא מסוף העולם ועד סופו״.

ס'איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז אין דער ישיבה פון
ר' יעקב פּאָלאַק, האָט געלערנט ר' שלום שכנא פון לובלין,
דער זון פון יאַשקע, דער שטייער אויפמאַנער, וואָס איז דער־
נאָך געוואָרן דער ערשטער רב פון לובלין. געשטאַרקט מיטן
וויסן פון זיין רבין ר' יעקב פּאָלאַק, האָט ער געקענט אויפ־
שטעלן אין לובלין די ישיבה, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן
אַזעלכע גייסטיקע מנהיגים, ווי דער רמ"א, מהר"ם, דער
של"ה און אַ סך, אַ סך וועלכע האָבן אונדזער שטאָט לובלין
באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

# לובלינער אַקטיוויטעטן אין ישראל אין 1986-87

דוד שטאָקפיש

אינעם אָפּגעלאָפענעם יאָר, פון נאָוועמבער 1986 ביז סוף אָקטאָבער 1987, האָט דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל אַדורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַוויזן, אַז מ'וויל נאָך זיין טעטיק אויף די אַלע געביטן, וועלכע זענען תמיד געווען דער מורה־דרך אין אונדזער אַרבעט, ווי: אַדורכפירן צוויי יזכור־אַקטן (אין חודש נאָוועמבער און אין טאָג פון אומקום און גבורה); צוזאַמענטרעפן מיט די בני־עיר פון ישראל און מיט געסט פון אויסלאַנד; אנטייל פון לובלינער יידן אין די פייערונגען פון פאַרטיילן סטיפּענדיעס און פון רעאַליזירן פּראָיעקטן אויפן נאָמען פון אַ ריי פערזענלעכקייטן; ווייטערדיקע באַמיונגען אַדורכצופירן פאַראייביקונג־פּלענער; אויפשטעלן אַ וועלט־ראַט פון לובלינער אָרגאַניזאַציעס און אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן פון לובלין און אומגעגנט; פייערן דעם 40סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל אויף אַ בכבודיקן אופן, מיטן אנטייל פון וואָס מערער לובלינער יידן פון די תפוצות.

אין דעם זין האָבן מיר אין יאַנואַר 1987 פונאַנדערגעשיקט אַ בריוו־צירקולאַר צו אונדזערע בני־עיר אין אויסלאַנד, אויף וועלכן מיר האָבן באַקומען זייער גינסטיקע אָפּרופן, ווי אויך געלט־באַשטייערונגען און פאָרשלאָגן, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די בריוו און באַריכטן און די ערטער.

מיר ברענגען פאַר אונדזערע לייענער (מיט קירצונגען) דעם אינהאַלט פון דעם בריוו:

תל־אביב, יאַנואַר 1987.

**ווענדונג צו די תפוצות**

צו אַלע אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס
אין דער וועלט,
צו יעדן לובלינער ייד אין די תפוצות.
טייערע לאַנדסלייט!

מיט פרייד מעלדן מיר אייך, אַז אין דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל הערשט היינט שלום־בית און דער אויסגעוויילטער, 15־פּערזאָניקער קאָמיטעט האָט אַקצעפּטירט אַן אַרבעטס־פּלאַן, מיט אַ ריי באַשלוסן, וועלכע זענען באַזונדערס נוגע אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער דיאַספּאָראַ. ווילן מיר אייך באַקענען מיט זיי אין דעם בריוו־צירקולאַר:

**1. וועלט־פעדעראַציע פון לובלינער אָרגאַניזאַציעס**

מיר לייגן פאָר צו שאַפן אַ וועלט־פאַרבאַנד פון לובלינער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפטן, וועמענס פאָרשטייער־דעלעגאַטן וועלן זיך טרעפן איינמאָל אין יאָר אין ישראל, אין די טעג פון די יום העצמאות פייערונגען. דעריבער ווענדן מיר זיך צו די קאָמיטעטן פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, צו באַשטימען פון 2 ביז 5 פאָרשטייערס צום וועלט־ראַט פון דער פעדעראַציע פון לובלינער און אומגעגנט אָרגאַניזאַציעס. די ערשטע זיצונג פון דער אַלוועלטלעכער אינסטאַנץ וועט פאָרקומען אין תל־אביב, אין מאַי 1988. גיט אונדז צו וויסן, וועמען איר דעלעגירט אינעם וועלט־ראַט, מיר זאָלן באַצייטנס פאַרבעטן די פאָרשטייערס צו דער גרינדונג־זיצונג.

אין די שטעט וווּ ס'זענען פאַראַן קליינע גרופּן לובלינער, צי גאָר יחידים, זענען זיי באַרעכטיקט צו זיין אָנגעשלאָסן אין אונדזער וועלט־פאַרבאַנד, מיט באַראַטונג־רעכט. אויף דער ערשטער זיצונג וועלן מיר אויסאַרבעטן אַ טעטיקייט־פּלאַן פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטן.

זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

**2. „קול לובלין״**

שוין איבער 20 יאָר, ווי אונדזער יערלעכע אויסגאַבע „קול לובלין״ איז געוואָרן אַ שם דבר ביי לאַנדסלייט אין דער וועלט און אין ישראל, ווייל זי שפּיגלט אָפּ טריי און ערלעך אונדזער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, מיט אַ בליק אין דער צוקונפט, כדי נישט לאָזן פאַרלוירן גיין די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ירושה פון דער אַלטער היים. דעריבער באַנייען מיר אונדזער ווענדונג: שרייבט זכרונות פון לובלין צווישן ביידע וועלט־מלחמות, אין די יאָרן פון דער שואה און פון דער איצטיקער תקופה. נאָר געדענקט: דער צוגעשיקטער מאַטעריאַל דאַרף אַרומנעמען בלויז לובלינער טעמאַטיק. אַרבעטן וועלכע האָבן ניט קיין שייכות צו לובלין — וועלן ניט געדרוקט ווערן. קומט פאָר אַ שמחה ביי אַ לובלינער משפּחה, שיקט אונדז צו פון דעם אַ בילד מיט אַ קורצער באַשרייבונג. מיר וועלן עס גערן אָפּדרוקן — און זאָלן זיין שמחות ביי יידן! און אויב, חלילה, שטאַרבט אונדזערס אַ בן־עיר, איז „קול לובלין״ דאָס איינציקע אָרט, וווּ מ'קאָן דערציילן פונעם נפטר, פאַראייביקן זיין אָנדענק מיט אַ בילד און קורצער ביאָגראַפיע.

**3. פינאַנסן**

אַרויסגעבן אונדזער זשורנאַל איז פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע אויסגאַבן. נאָר די לאַנדסמאַנשאַפטן אין לאָס־אַנזשעלעס, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל און פּאַריז, אויך יחידים, שיקן צו באַדייטנדיקע געלט־סומען,

וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן רעגולער דעם „קול לובלין". מיר אַפּעלירן צו אייך וועגן פאַרגרע־סערן די שטיצע פאַר דער צייטונג.

נאָך אַ בקשה: די טשעקס צו אונדז, ביטע אויס־שרייבן אויפן נאָמען פון דער לובלינער אָרגאַניזאַציע, און נישט אויף אַ פּריוואַטן נאָמען, וואָס איז טיילמאָל גורם שוועריקייטן.

מיר ווינטשן אייך כל טוב, מיט אַ סך געזונט און דערוואַרטן אייערע בריוו, ווי אויך אַ באַזוך אין ישראל אין די פרילינג־טעג (פסח און יום העצמאות).

מיט האַרציקע גרוסן — קאָמיטעט פון דער לוב־לינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל:

דוד שטאָקפּיש (פאָרזיצער), מתתיהו האָרן (ווי־צע־פאָרזיצער), אַרכיטעקט אלכסנדר שריפּט (סעקרעטאַר), אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי (קאַסירער), צעשאַ אַבליגענהאַרץ, מאַרעק אַרטמאַן, ד"ר נתן בן־טובים, שיע גאָלדבערג, צפּורה דסקל, ד"ר אלחנן האָרוויץ, משה וואַסאָנג, משה זאַלצמאַן, צעשאַ פישער־טראַכ־טענבערג, דוד רובינשטיין, מאיר שילדקרויט.

### אזכרה ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק

אויך אין טאָג פון אומקום און גבורה, דער אַפּי־צ׳עלער טרויער־ און אָנדענק־טאָג פון העלדישן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר אַדורכגע־פירט אַ יזכור־אַקט אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק. אַ גרויסער עולם לאַנדסלייט האָט זיך פאַר־זאַמלט פאַרן מאָנומענט און אויסגעהערט די קורצע רעדעס פון ד"ר בינם וויס (פון וואַרשע), מ. האָרן און ד. שטאָקפּיש. נאָכן „קדיש", האָט דער חזן אָפּגעריכט די געהעריקע תפילה און „אל מלא רחמים".

### באַזוך אין כפר גדעון

אינעם חנוכת־הבית פון דער קינדער־היים א. נ. פון די עלטערן פון לובאַ און משה קאָרן אינעם מושב פון פועלי אגודת ישראל, כפר גדעון, פאָרגעקומען דעם 22.4.87, האָבן אַ גרעסערע צאָל לובלינער יידן פון לאַנד און אויסלאַנד זיך באַטייליקט אין דער פייע־רונג. (זע דעם באַריכט אין דער רובריק „נחת פון לובלינער", אויף ז' 29).

### אַ גרוס פון טאָראָנטאָ

אין מערץ ה. י. האָט געווײלט אין לאַנד דאָס פאָרפאָלק בראַניע און משה וואַקסבוים, סעקרעטאַר פון דער לובלינער און אומגעגנט אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. דעם 2.3.87 האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער און לאַנדסלייט (מ. האָרן, חנה און משה וואַסאָנג, צעשאַ פישער, רבקהלע און דוד שטאָקפּיש און אלכסנדר שריפּט) זיך געטראָפן אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב מיט די ליבע געסט, וואָס האָבן דערציילט, אַז אויסער דער יערלעכער שטיצע זייערער פון 500 דאָלאַר פאַר דער לובלינער אָרגאַניזאַציע אין ישראל, שיקן זיי אויך אינדיווידועלע הילף פאַר איי־ניקע לאַנדסלייט; העלפן דעם ועד למען החייל; מ'האָט אַדאָפּטירט יתומים פון געפאַלענע; מען זאָרגט פאַר אַ בית הקברות פאַר געשטאָרבענע בני־עיר; זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט לזכר די קדושים, אויף אַן אורנע אַש פון מיידאַנעק, וועלכע ס'האָט געברענגט מענדעלע מילשטיין.

דער לובלינער קאָמיטעט אין טאָראָנטאָ באַשטייט פון די פאָלגנדיקע לאַנדסלייט: מאיר פרידמאַן, משה וואַקסבוים, האַנקאַ און יוסף בראָם, משה אַלספּעק־טאָר, יאַבלאָנסקי (פרישבערג), פעפערמאַן, צימערמאַן, לאופער.

נאָכן באַריכט איז פאָרגעקומען אַ מיינונג־אויס־טויש, מיטן אָנטייל פון א. שריפּט, מ. וואַסאָנג, מ. האָרן און ד. שטאָקפּיש, וואָס האָט אויך באַגריסט די געסט.

### די יערלעכע אזכרה אין בית העמלין

מיטוואָך, דעם 26סטן נאָוועמבער 1986, איז אין תל־אביב פאָרגעקומען דער יערלעכער יזכור־אַקט לזכר אונדזערע קדושים. נאָך דער דערעפענונג פון מתתיהו האָרן, זענען אויפגעטרעטן די שול־קינדער פון דער גימנאַזיע א. נ. פון לעאָ בעק אין חיפה, וועלכע האָט אַדאָפּטירט די לובלינער יידישע קהילה. דער צוגעפּאַסטער פּראָגראַם זייערער צום כאַראַק־טער פון אַזאַ אָנדענק־אָוונט, האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף די אָנוועזנדיקע. רירנדיק איז אויך געווען דער רעליגיעזער טייל, אין דער אויס־פירונג פון חזן אליהו גרינבלאַט. די פאַרשטאָרבענע בני־עיר אין לעצטן יאָר, האָט מספּיד געווען דוד שטאָקפּיש.

דער יזכור־אַקט איז נישט נאָר דערמאָנונג און פאַראייביקונג פון די אומגעקומענע, נאָר גיט אויך




אויף דער אזכרה ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, אין „טאָג פון אומקום און גבורה". אויפן בילד: מ. האָרן און ד. שטאָקפּיש.

teatrnn.pl

אַ מעגלעכקייט די לובלינער יידן אין ישראל צו טרעפן זיך, שמועסן און אַרויסברענגען זכרונות פון דער אַלטער היים.

**פאַראייביקונג און אָנדענק פון בעלאַ דאָבזשינסקאַ ז״ל**

צום דערשיינען פון דער ספּעציעלער אויסגאַבע „בלה דובז׳ינסקה מלובלין — דמות היסטורית, מאה שנה להולדתה״ („בעלאַ דאָבזשינסקאַ פון לובלין — אַ היסטאָריש געשטאַלט, צום הונדערטסטן געבוירנ־יאָר״), איז דעם 29.4.87 פאַרגעקומען אַן אָוונט, אויף וועלכן מ׳האָט אַרויסגעברענגט דאָס שיינע געשטאַלט פון דער אָנפירנדיקער ציוניסטישער טוערין און געזעלשאַפטלעכן מענטש בעלאַ דאָבזשינסקאַ, וואָס איז געווען פּאָפּולער אין פאַרמלחמהדיקן יידישן לובלין.

דאָס אָנדענק־בוך איז דערשינען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אירגון יוצאי־לובלין און פון ד״ר נתן בן־טובים, זון פון בעלאַ דאָבזשינסקאַ, וואָס איז אויפגעטרעטן אויף דעם אָוונט און באַדאַנקט די אַלע, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זייערע זכרונות וועגן דער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אומגעקומען אין מיידאַנעק. אין זיין אַרויסטרעטונג, האָט ד״ר בן־טובים געזאָגט צוו. אַנד.: „געלויבט זאָל זיין דער בורא, אַז איך האָב זוכה געווען צו דעם אָוונט. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו טאָן עפּעס פאַר דעם אָנדענק פון מיין מוטער ע״ה, וואָס איז פאַרערט דורך אַזוי פיל מענטשן. דער אָוונט איז נאָך איין רינגעלע אין דער קייט פון אזכרות פאַר אונדזערע קדושים. מיר זענען פאַרפליכטעט צו געדענקען און דערמאָנען די שרעקלעכע שואה, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. און יעדער פון אונדז, וואָס טראָגט דעם אָנדענק פון זיינע טייערע, דאַרף אַרויסצוברענגען זייער הייליקן זכרון אין יעדער פאָרם און צו יעדער צייט״.

ס׳האָבן נאָך גערעדט: הרב יצחק דרורי, ד״ר אלחנן האָרוויץ (רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע, וואָס האָט אויך אָנגעשריבן אַ לענגערן, היסטאָרישן מאמר וועגן לובלין), מתתיהו האָרן און דוד שטאָקפּיש, וואָס האָט געפירט דעם פאָרזיץ.



דאָס פּרעזידיום פונעם אָוונט צום דערשיינען פונעם בוך לזכר בעלא דאָבזשינסקאַ. פון לינקס: ד״ר נתן בן־טובים, הרב דרורי, מ. האָרן (רעדט), ד. שטאָקפּיש, ד״ר א. האָרוויץ.

איבער 12 אַרבעטן און 18 בילדער פונעם בוך, גיבן אַן אַלזייטיק בילד פון דער פּערזענלעכקייט, ווי אויך פון דעם יידישן לובלין, וואָס איז נישטאָ מער.

**פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע**

**א. נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז״ל**

דינסטיק, דעם 23סטן דעצעמבער 1986, איז אין תל־אביבער אוניווערסיטעט פאַרגעקומען די 18טע פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז״ל — פאַר סטודענטן פון היסטאָרישן פאַקולטעט, וואָס שרייבן דער עיקר וועגן דער שואה און גבורה. היי־יאָר האָט די סטיפּענדיע באַקומען זיוה שלו פאַר איר אַרבעט „טאָסיאַ אַלטמאַן, פון דער השומר הצעיר־אָנפירונג אין וואַרשע אין דער תקופה פון מלחמה און אויפשטאַנד״. מיט רעדעס און אָפּשאַצונגען זענען אַרויסגעטרעטן: ד״ר דינה פורת פון אוניווערסיטעט תל־אביב; אַדוו׳ חיים קאָסאָווסקי־שחור אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון בעלאַ מאַנדעלסבערג; דוד שטאָקפּיש אין נאָמען פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל און די סטודענטין זיוה שלו.

**דערפאָלגרייכער חנוכה־אָוונט**

מאָנטיק, דעם 29סטן דעצעמבער 1986, זענען לובלינער יידן זיך צונויפגעקומען אין זאַל פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, כדי אין אַ היימישער געזעלשאַפט און אַטמאָספער, ביי געדעקטע טישן, פאַרברענגען אַ חנוכה־אָוונט און אויך זיך אַדורכשמועסן בנוגע ווייטערדיקע אויפגאַבן פון אונדזער אירגון. וועגן דער באַדייטונג פון חנוכה „בימים ההם ובזמן הזה״ האָט גערעדט מתתיהו האָרן. דעם אַרבעטפּלאַן פאַרן נאָענטן יאָר, האָט פאַרגעשטעלט דוד שטאָקפּיש. דער קאָמיטעט־מיטגליד א. גאָטליב האָט אויף זיין פלעט אויסגעשפּילט מוזיקאַלישע שאַפונגען. דער עולם האָט אויך געזונגען און אָוועק אַ צופרידענער מיטן טראַדיציאָנעלן ווּנטש: „מ׳זאָל דערלעבן איבעראַיאָר ווידער״...

## ערשטע פּאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון שבח לעוונשטיין ז״ל

דינסטיק, דעם 26.5.87, איז אין תּל־אביב פּאָרגעקומען די ערשטע פּאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פונעם פאַרשטאָרבענעם עסקן אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, שבח לעוונשטיין ז״ל, וואָס האָט אין זיין צוואה פאַרשריבן אַ סומע געלט פאַר אַ יערלעכע סטיפּענדיע פאַר אַ שילער אָדער סטודענט, וואָס פאַרנעמען זיך אויך מיט דער שואה־טעמאַטיק. האָט דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנסמאַנשאַפט, באַזאַמען מיט דעם אפּוטרופּוס פון דער צוואה, משה ארי־אבן (לעוונשטיין), זון פון פאַרשטאָרבענעם, באַשלאָסן צוטיילן די סטיפּענדיע דעם לובלינער אייניקל (פון דער משפחה מאַנדעלמילך) — דנה פרידמאַן פון ירושלים, וואָס האָט אין די ראַמען פון אירע מאַטורע־עקזאַמענס, אויסגעקליבן אייגנוויליק צו שרייבן וועגן דער יידישער לובלין. און טאַקע געווידמעט דער טעמע מער פון 2 יאָר פאַרשונגען, אינטערוויוען און זוכונגען, ביז זי האָט מצליח געווען אָנצושרייבן אַ היסטאָרישע אַרבעט פון 150 זייטן מאַשינשריפט, פאַרזען אויך מיט פיל בילדער. די אַרבעט איז אויך אָנערקענט געוואָרן פונעם בילדונג־מיניסטעריום, ווי אַ קעגנשטאַנד צו דער מאַטורע.

נאָכן דערפענונג־וואָרט פון אינזש. אברהם לאַסקאָווסקי, האָט אין נאָמען פון קאָמיטעט באַגריסט דוד שטאָקפיש, די עלטערן פון דנה׳ן — מרים און אריה פרידמאַן, די לובלינער זיידע־באָבע שושנה און משה מאַנדעלמילך און די יונגע לאַורעאַטין. עס האָבן נאָך גערעדט: משה בן־ארי, דנה פרידמאַן, ד״ר נתן בן־טובים, ישראל אייזנבערג (פון לאָס־אַנזשעלעס), רבקה גאָלדבערג, יוסף אַכטמאַן און גרינבערג.

ביי דער געלעגנהייט איז אויך האַרציק באַגריסט געוואָרן אונדזער בת־עיר חנה אַכטמאַן, וואָס האָט אייניעם פון אירע בילדער געשאָנקען פאַרן „לובלינער ווינקל״ אין תּל־אביב.



ערשטע פּאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון שבח לעוונשטיין ז״ל. פון לינקס: א. לאַסקאָווסקי, בראָניע עקהאוס (פון מעלבורן), ד. שטאָקפיש, די פּרעמירטע דנה פרידמאַן (וועלכע האַלט דאָס בילד פון חנה אַכטמאַן — א מתּנה פאַרן „לובלינער ווינקל״), משה ארי־אבן, חנה אַכטמאַן, מינטשע יאַקובאָוויטש (סאַן־פּאַולאָ), יוסף אַכטמאַן.

## 2 צוזאַמענטרעפן מיט געסט פון אויסלאַנד

די חדשים אַפּריל־מאַי, געהערן צום טוריסטישן הויך־סעזאָן אין ישראל. אויך לובלינער יידן פון די תפוצות קומען אין דער תקופה אין דער יידישער מדינה, אָבער נישט אַלע אין דער זעלבער צייט, וואָס באַשווערט צונויפצוברענגען אַלע געסט אין איין טאָג און ביי איין טיש. דערפאַר האָבן מיר איינגעאָרדנט צוויי אויפנאַמעס־געזעגענונגען מיט די טוריסטן, אויף וועלכע מ׳האָט באַהאַנדלט פראַגן פון צוזאַמענאַרבעט, פאַראייביקונג־פּראָיעקטן, „קול לובלין״ אאנ״ד.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאַרגעקומען דעם 10טן מאַי ה. י. אין בית לייוויק אין תּל־אביב. דוד שטאָקפיש האָט באַגריסט מיט אַ „ברוכים הבאים״ און געזעגנט מיט אַ „צאתכם לשלום״: ד״ר בינם ווייס פון וואַרשע, גיטעלע און יידל עדעל פון פאַריז, מינטשע און מאָטל דינער פון סאַן־פּאולאָ, טעשקע פאַרשטעטער פון פאַריז, פעסאַלע און שלמה מושקאַט פון ליל און יצחק שניידמאַן פון געטעבאָרג. אין דעם אינטערעסאַנטן מיינונג־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט די דערמאָנטע אויסלענדישע געסט און לאַנדסלייט פון ישראל: צעשאַ פישער, יוכבר פלומענקער, מתתיהו האָרן און אלכסנדר שריפט.

(ס׳איז צום באַדויערן, וואָס אויף דעם צוזאַמענטרעף האָבן נישט אנטייל גענומען אייניקע געסט פון אַמעריקע און אייראָפּע, וואָס האָבן דעם טאָג זיך געפונען אין ישראל, נאָר געווען באַשעפטיקט ערגעץ אַנדערש).

דער צווייטער צוזאַמענטרעף, וואָס האָט שוין געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ וועלט־באַראַטונג, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין זאַכלעכן באַהאַנדלען די אַקטועלע פראַגן פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט און זייער צוזאַמענאַרבעט מיט ישראל.

נאָכן דערעפענונג פון מתתיהו האָרן, איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער פון

דער באַראַטונג שמואל שפּיראָ, פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין אין פראַנקרייך, וואָס האָט איבערגעגעבן דאָס וואָרט דוד שטאָקפּיש צו רעפערירן וועגן די נאָענטסטע אויפגאַבן פון אונדזערע געזעלשאַפטן. דערנאָך האָט דער עולם אויסגעהערט באַריכטן פון די פאָלגנדיקע לענדער:

יצחק שניידמאַן — שוועדן.
אַדאַם גאָלדמאַן — דענעמאַרק.
מאָטל דינער — בראַזיל.
טעשקע קאַרמאַן — פראַנקרייך.
בראָניע עקהאוס — אויסטראַליע.
ישראל אייזענבערג — לאָס־אַנזשעלעס.

די אַלע רעדנער האָבן אין זייערע באַריכטן, אויך גענומען שטעלונג צו די פאַרשידענע פאָרשלאָגן און פּראָיעקטן, וועגן וועלכע ס'האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט: שלמה מושקאַט, אברהם לאַסקאָווסקי, מתתיהו האָרן, יצחק רייכענשטיין, גרינבערג, יוסף אַכטמאַן און״ד.

אין דער באַראַטונג האָט זיך אויך באַטייליקט: ראובן גלאַנדאַל פון שוועדן און פראַשקער פון די פאַר. שטאַטן. אַ טייל פון די באַריכטן פאַרעפנטלעכן מיר אין איצטיקן „קול לובלין".

**„קול לובלין"**

מער פון 20 יאָר דערשיינט אונדזער יערלעכער זשורנאַל, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין רייכן, אינטערעסאַנטן אינהאַלט און קודם־כל — ווי אַ בריק צווישן לובלינער יידן אין דער וועלט מיט מדינת ישראל. צום 40סטן יום העצמאות און דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער, גרייטן מיר אַ באַזונדערן נומער (23), געווידמעט די צוויי געשעענישן. מיר בעטן צושיקן באַצייטנס זכרונות, דאָקומענטן, בילדער און אַרטיקלען וועגן אנטייל פון אונדזערע בני־עיר אין בנין־הארץ, וואָס מיינט אויך — שילדערונגען פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין.

**פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד**

דער קאָמיטעט אין ישראל איז אין לעצטן יאָר געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, ווי מיט יחידים. דער סעקרעטאַריאַט (סעקרעטאַר — א. שריפט) האָט געענטפערט אויף די דערהאַלטענע בריוו, אויך זיי רעגיסטרירט און צוגעלייגט צום אַרכיוו, וועלכן מיר פּלאַנירן איבערצושיקן אין ייוואָ — ניו־יאָרק.



אויף דער וועלט־באַראַטונג פון לובלינער יידן אין תל־אביב. ביים פּרעזידיום־טיש, פון לינקס: ישראל אייזנבערג (לאָס־אַנזשעלעס), א. גאָלדמאַן (קאָפּענהאַגן), בראָניע עקהאָוס (מעלבורן), מאָטל דינער (סאַן־פּאַולאָ), מ. האָרן, שמואל שפּיראָ (פּאַריז), יצחק שניידמאַן פון געטעבאָרג (רעדט), טעשקע פאַרשטעטער (פּאַריז), מינטשע דינער־יאַקובאָוויטש (סאַן־פּאַולאָ) און ד. שטאָקפּיש.

40 יאָר מדינת ישראל, וואָס וועט געפייערט ווערן דעם 21סטן אַפּריל 1988, דאַרף אויך זיין אַ יום־טוב פאַר וואָס מערער לובלינער יידן אין דער וועלט. קומט צו די פייערונגען און באַזאַמען מיט די לאַנדסלייט אין ישראל אָפּמערקן אַזאַ וויכטיקע געשעעניש.

# אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות

## ביי לובלינער ייִדן אין מעלבורן

### בראָניע עקהאַוס

די קליינע צאָל לאַנדסלייט אין דער גרויסער אויסטראַלישער שטאָט, טרעפט זיך גאַנץ אָפט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און אונטערנעמונגען: קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, פריילעכע און טרויעריקע. די לעצטע אזכרה אונדזערע האָבן מיר אַדורכגעפירט אין האָלאָקאָסט-צענטער. אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז צו פאַרצייכענען אַ צוווקס פון מיטגלידער אין אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ס'איז גאַנץ באַדייטנדיק אונדזער אָנטייל אין די אַקטיוויטעטן פונעם האָלאָקאָסט-צענטער, וועלכער פאַרמאָגט פיל דאָקומענטאַרע פילמען, ביכער און בילדער. דער צענטער ווערט באַזוכט פון ייִדן און נישט-ייִדן, יוגנט און עלטערע, שילערס און גייסטלעכע. די אַרבעט ווערט געפירט פרייוויליק.

מיר באַטייליקן זיך אין די אַלגעמיין-ייִדישע פייערונגען אין טאָג פון גבורה און אומקום, ווי אין יום העצמאות פון מדינת ישראל. דאַקעגן לובלינער צוזאַמענטרעפן קומען פאָר אין די פריוואַטע וווינונגען פון לובלינער משפחות, יעדעס מאָל ביי אַן אַנדערן.

אין דער וווינונג פון בלומאַ און מאָטל טרייסטמאַן האָבן מיר געזען דעם ווידעאָ-פילם, וועלכן מאָטל האָט אויפגענומען אין ישראל אויף די לובלינער צוזאַמענטרעפן און מיר האָבן געהאָט ממש לעבעדיקע בילדער פון די אַלע אינטערעסאַנטע אונטערנעמונגען.

אויף אַ מסיבה אין וווינונג פון דער פאַמיליע גאָלדמאַן, איז פאָרגעקומען אַ מיינונג-אויסטויש איבער אַקטועלע פראָבלעמען, מ'האָט געזינגען פאָלקס-לידער און פאָרגעלייענט לידער — אייגענע שאַפונגען.

אין אונדזער היים האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ קבלת-פנים פאַרן ד״ר בינם ווייס פון וואַרשע, וואָס האָט געוויזן דעם פילם פון דער אַמאָליקער ייִדישער לובלין, פראָדוצירט פון דער פוילישער טעלעוויזיע און דערנאָך מיט אים אָפּגעהאַלטן אַ פריינטלעכן געשפּרעך.

## דער יזכור־אַקט אין מעלבורן

### ב. פורמאַנסקי

די אזכרה פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, פאָרגעקומען דעם 23סטן נאָוועמבער 1986 אין חורבן-צענטער, האָט אויך אַרומגענומען אַרומיקע ייִדישע קהילות.

ס'איז געוואָרן אַ טראַדיציע אָפּצומערקן דעם אומקום פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע אויף יערלעכע אַזכרות אין חורבן-צענטער. אַ האַלב-טונקעלער זאַל. דער טיש באַדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, אויף וועלכן עס שטייען 6 וואַקסענע ליכט, וואָס סימבאָליזירן די זעקס מיליאָן קדושים — שאַפן אַ געהעריקע שטימונג.

דעם כבוד אָנצוצינדן די ליכט, האָבן באַקומען די פרויען: עקהאַוז, זילבערשער, סאָאַראַני, שיפמאַן, צוקערמאַן און טרייסטמאַן.

נאָכן קורצן אַריינפיר פון פריינד מישאַ עקהאַוז, אין וועלכן ער שטעלט פעסט, אַז די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט האָט אויך צוגעטראָגן אַ ביישטייער צום שאַפן דעם חורבן-צענטער, פאַרבעט ער צום פרעזידיום דעם פרעזידענט פון פאַרבאַנד פון די פוילישע ייִדן א. סאָקאָלאָוויטש און דעם חזן שוואַרץ, וואָס זאָגט קדיש.

בראָניאַ עקהאַוז טיילט זיך מיט זכרונות פון דער נאַצי-תקופה. טאָבאַ גראָסמאַן לייענט אַן אייגענע פּאָעטישע שאַפונג און פרוי פייגע שיפמאַן רעציטירט צוויי לידער פון באַקאַנטן פּאָעט סעגאַלאָוויטש.

די אָנוועזנדיקע האָבן אויך געהאָט אַ געלעגנהייט צו זען אַ פילם וועגן לובלין און זיינע היסטאָרישע אייגנאַרטיקייטן, אויפגענומען פון ד״ר בינעם ווייס פון פוילן.

(„אויסטראַלישע ייִדישע נייעס")

## לובלינער־מעזריטשער אזכרה אין מאָנטרעאַל

זונטיק, דעם 12טן אָקטאָבער 1986, איז אויפן בית-הקברות פון אַרבעטער-רינג דע לאַ־סאַוואַן, ביים דענקמאָל לזכר די אומגעקומענע קדושים, פאָרגעקומען אַ בשותפותדיקער יזכור-אַקט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן לובלין און מעזריטש.

דעם רעליגיעזן טייל האָט אַדורכגעפירט פריינד צבי סעגאָל. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: נייטאַן זימעלשטערן, פרעזידענט פון דער לובלינער סאָסייעטי אין מאָנטרעאַל און פריינד שמחה אַבמאַן אין נאָמען פון די מעזריטשער.

ס'איז געווען אַן איינדרוקספולע יזכור-פייערונג פון צוויי לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אַדורכגעפירט די אזכרה מיט בשותפותדיקע כוחות.

## די „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט" אין פראַנקרייך

באַריכט פון **טעשקע קאָרמאַן־פּאָרשטעטער**, סעקרעטאַרין פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, אויף דער וועלט-באַראַטונג פון לובלינער אָרגאַניזאַציעס אין תל־אביב, דעם 17.5.1987

---

אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט ציילט אַ 150 מיטגלידער. אין לעצטן יאָר האָבן מיר, ליידער, געהאַט אייניקע פאַרלוסטן.

די אויפגאַבן פון דער סאָסייעטי זענען פאָלגנדיקע: איינאָרדענען יעדעס יאָר דעם יזכור־אַקט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים; אָפּמערקן געוויסע יידישע יום־טובים, ווי פורים, חנוכה און אַנדערע, ווי אויך אַדורכפירן דעם יערלעכן באַנקעט.

די סאָציאַלע הילף קומט צום אויסדרוק אין באַזוכן קראַנקע און איינזאַמע; צוטיילן הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע; באַזאָרגן מיט אַ קבר די וואָס וועלן אַוועקגיין אויפן עולם האמת.

צום באַדויערן, זעען מיר נישט דערווייל קיין דור המשך, וואָס איז אַ פראַנצויזיש־ריידנדיקער און ווייזט נישט אַרויס קיין אינטערעס צו אונדזער טעטיקייט. נאָר געציילטע זין פון אונדזערע געוו. אָנפירנדיקע מיטגלידער (גאָלדאַדלער, גאָלדבוים און נאָך) קומען אויף אונדזערע אונטערנעמונגען.

לעצטנס האָבן מיר איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט דער פאַרטשעווער סאָסייעטי און אַפילו איינגעאָרדנט צוזאַמען די פורים־מסיבה און יערלעכן באַנקעט.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך, שטיצט אַקטיוו אַ ריי צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דעם מעמאָריאַל־צענטער, קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור; הילף אַרויסצוגעבן דעם פראַנצויזיש־יידישן ווערטערבוך; מיר שטיצן יידישע שרייבער און העלפן אויך פאַרקויפן זייערע ביכער; באַטייליקן זיך אין די זאַמל־אַקציעס לטובת דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג אין אייראָפּע — „אונדזער וואָרט"; באַשטייערן זיך לטובת דער „פעדעראַציע" און „פאַרבאַנד" פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, אָבער צום וועלט־קאָנגרעס פון די פוילישע יידן, זענען מיר געקומען אין אַ בשותפותדיקער דעלעגאַציע.

און אחרון אחרון חביב — פאַרן ישראל־מגבית האָבן מיר געזאַמלט 16 מיליאָן אַלטע פראַנק (קנאַפּע 30 טויזנט דאָלאַר) און צווישן די 80 לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז, פאַרנעמען מיר דאָס צווייטע אָרט. דאָס איז אויך צו פאַרדאַנקען אונדזער פאָרזיצער שמואל שפּיראָ, וואָס איז עקזעקוטיווע־פרעזידענט פון דער פאָלקס־אַקציע לטובת ישראל.

מיר שטייען אין ענגער פאַרבינדונג מיטן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, שטיצן דעם „קול לובלין" און וועלן זיך אָנשליסן אין די פאַראייביקונג־פּראָיעקטן.

# לובלינער אונטערנעמונגען אין פּאַריז

## משה זאַלצמאַן

### דער יערלעכער יזכור־אַקט

זונטיק, דעם 9טן נאָוועמבער 1986, איז אין לאָקאַל פון אַרבעטער־רינג פאָרגעקומען די טראַדיציאָנעלע אזכרה צו דער 44סטער יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע דורך די נאַצישע מערדער די יידישע ישובים אין לובלין, פּאַרטשעוו און אומגעגנט. צום ערשטן מאָל איז דער יזכור־אַקט אַדורכגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער פּאַרטשעווער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז.

מיט אויספירלעכע און רירנדיקע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: גיטעלע עדעל, וויצע־פאָרזיצערין פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט געשילדערט יידיש לעבן צווישןביידע וועלט־מלחמות אין לובלין און דעם אומקום פון דער גרויסער יידישער קהילה; אברהם קאַסטער האָט אין נאָמען פון די „פריינד פון פּאַרטשעוו און אומגעגנט" דערציילט פון דער פּאַרטשעווער קהילה. אינזשיניער ראָבערט ראָזנבלום (זון פון די קאָמיטעט־מיטגלידער ראַשעל און מאָריס ראָזנבלום), וואָס האָט זיך געטיילט מיט איינדרוקן פון זיין באַזוך אין אוישוויץ.

דעם רעליגיעזן טייל האָט אַדורכגעפירט דער חזן פון דער לע וויקטואַר סינאַגאָגע, ה' אַטיאַס.

### פורים־פייערונג ביי די לובלינער און פּאַרטשעווער

די פּאַרטשעווער סאָסיעטע, צוליב דער קליינער צאָל מיטגלידער, האָט די לעצטע יאָרן נישט געקענט זעלבשטענדיק איינאָרדענען אַ יום־טוב. האָבן זיי גערופן זייערע מיטגלידער אָנטייל צו נעמען אין דער אונטערנעמונג צוזאַמען מיט די לובלינער. אַזוי איז פאָרגעקומען ביים יזכור־אַקט און לעצטנס ביים פייערן דעם פורים־יום־טוב.

די איניציאַטיוו פון די פּאַרטשעווער דאַרף באַגריסט ווערן. אַלע קלענערע סאָסיעטעס דאַרפן אַזוי האַנדלען. אויב צוליב טעכנישע, פינאַנסיעלע פּראָבלעמען איז שווער און קאָמפּליצירט זיך צו פאַראייניקן, דאַרף יעדע קליינע געזעלשאַפט אָרגאַניזירן זייערע אונטערנעמונגען מיט אַ גרעסערער געזעלשאַפט. אַזוי וועלן זייערע מיטגלידער נישט ווערן אָפּגעריסן פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישוב.

די געדעקטע טישן, מיט די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן און פאַרשידענע פרוכטן, האָבן געשאַפן די אַטמאָספער פון אַ היימיש־אינטימער יום־טובדיקייט. אין פּרעזידיום געפינט זיך אויך דער פאָרזיצער פון די פּאַרטשעווער, פריינד קעניגסמאַן.

דער שרייבער פון די שורות דערמאָנט און באַערט מיט אַ מינוט שטילשווייגן די מיטגלידער וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט: דער ערן־פאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאַפט — צדוק האָניגבוים, דער לאַנגיאָריקער קאָמיטעט־מיטגליד העניעך גערדאַנקען און פרומע שילדקרויט. ער שיקט איבער אַ גרוס אַלע קראַנקע מיטגלידער, וואָס האָבן נישט געקענט קומען פייערן דעם יום־טוב. באַזונדערס שיקט ער איבער אַ ברכה אונדזער דינאַמישן פאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאַפט שמואל שפּיראָ, ער זאָל וואָס גיכער קענען אויספירן זיינע פאַרצווייגטע פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן.

די איינטאָגיקע, געקרוינטע אסתר המלכה טעשקע פאָרשטעטער, האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער קאַנווע פון דער מגילת אסתר.

דער אַרטיסטישער פּראָגראַם איז מיט טאַלאַנט אויסגעפירט געוואָרן פון דעם זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן סאַני מאסמאַן און דעם זינגער מוגערמאַן. דער עולם האָט זיי געדאַנקט מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. דער פאָרזיצער האָט אויסגעדריקט אַ יישר־כוח און אָנערקענונג דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע: משהלע ראָזענבלום, מאָטעלע ניסענבוים מיט

זיין פרוי און שוועגערין פאַני בראָנשטיין, טאָובער, חוהטשע לעווענבוים און דער ליבער דינאַמישער קאַסירערין דינהלע ראָטשטיין מיט איר מאַן אברהם, פאַרן זאָרגפולן צוגרייטן דעם פייערלעכן פורים־יום־טוב.

## די פאָלקס־אַקציע פאַרן יאָר 1987

דאָס אונטערציען דעם סך־הכל פון דער פאָלקס־אַקציע פאַרן פאַריקן יאָר און פראָקלאַמירן פאַרן לויפנדיקן יאָר 1987, הויבן מיר אָן ערב די גרויסע וואַקאַנסן.

דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, שמואל שפּירא, גיט איבער אַ גרוס פון די לובלינער לאַנדסלייט אין ישראל און וועגן דעם צוזאַמענטרעף פון די לובלינער פון אַנדערע לענדער, וואָס איז פאָרגעקומען אין ישראל, ווו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פאָרזעצן צו פאַראייביקן די אומגעקומענע קהילות. ער גיט אויך איבער וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען און שטרייטן, וועגן דעם אופן פון דערגרייכן שלום מיט די אַראַבישע לענדער, און טראָץ אַלע שווערייקייטן און פינף בלוטיקע מלחמות און טעראָר, איז פאַר די 39 יאָר אַ סך דערגרייכט געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן פינף מאָל אַזוי פיל — פון 600 טויזנט אויף העכער דריי און אַ האַלבן מיליאָן, אַזאַ צאָל וואָס האָט געלעבט אין פוילן ביזן היטלעריסטישן חורבן.

די סעקרעטאַרין טעשקע פאַרשטעטער, אין איר גרוס פון דער מדינה, שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם קאָנגרעס פון די פוילישע יידן, ווו ס'זענען געקומען דעלעגאַטן פון זעכצן לענדער, אָפּצייכענען טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פוילן, ביי דער אָנוועזנהייט פון פרעזידענט פון דער מדינה חיים הערצאָג און אַנדערע פערזענלעכקייטן.

אין דער דעלעגאַציע פון דעם קליינעם ישוב אין פוילן האָט זיך געפונען אונדזער חשובער לובלינער לאַנדסמאַן ד״ר בונים ווייס. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג האָט ער אויסגעקעמפט אַז עס זאָלן ענדלעך איינגעמויערט ווערן אָנדענק־טאָוולען אויף דער געוועזענער „ישיבת חכמי לובלין״ און אויף דעם געוועזענעם יידישן שפּיטאָל. ד״ר בונים ווייס גרייט אויך אַ פילם פון דעם יידישן לובלין. ער גיט אויך איבער אַ ווענדונג פון די געציילטע לובלינער אין פוילן, אַז צו דער 45סטער יאָרצייט פון אומקום פון די לובלינער יידן, זאָלן לובלינער קומען אויף קבר־אבות אין מיידאַנעק און ביי דעם פאַריתומטן מאָנומענט צום אָנדענק פון די קדושים וואָס געפינט זיך אין לובלין.

זי גיט אויך איבער, אַז די לובלינער אין ישראל גיט איר פּאַטראָנאַזש פאַר דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון בעלאַ שפּירא און אויסצוגן פון דער געשיכטע פון לובלין און אַ ריי גייסטיקע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן באַזונדערס אויסגעווירקט אין פראַנקרייך, וואָס משה זאַלצמאַן גרייט צו צום דרוק.

וואָס קענען מיר אָפּלערנען פון דער קאָנפערענץ פון די פוילישע יידן — פרעגט דער שרייבער פון די שורות, אַז אין אַן עת צרה איז דער פאַרטיידיקונגס־כוח פון די יידן אין גלות אַ נישטיקער, מ'איז אויסגעשטעלט אויפן חסד, אויף שנאה און אויף גלייכגילט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. און דערפאַר, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון די אויגן דאַרפן מיר העלפן שטאַרקן מדינת ישראל און אויך אַ סך שטאַרקן יידישקייט אין אירע פּלוראַליסטישע ניואַנסן.

שוין 20 יאָר ווי די זאַמלונג פאַר ישראל גייט באַנאַנד מיט די סאָציאַלע באַדערפענישן פון ישוב. צוויי דריטל גייט פאַר ישראל און איין דריטל פאַרן ישוב.

אין 1985 האָבן אין דער לובלינער געזעלשאַפט אָנגעהערט 49 פּאָרלעך און 64 איינצלנע. צוזאַמען 113 זעלבשטענדיקע אויף זיך צו באַשטייערן. אין 1986 — 45 פּאָרלעך און 60 איינצלנע. וואָלטן אַלע זיך באַשטייערט, וואָלטן מיר געדאַרפן האָבן 105 אָנטיילנעמער. ליידער, דערפילן נישט אַלע מיטגלידער זייער פליכט.

משהלע ראָזענבלום טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון זיין באַזוך אין ישראל און רופט אַז יעדער וואָס זיין געזונט דערלויבט אים נאָר, דאַרף מינימום איין מאָל אין יאָר באַזוכן ישראל און די באַשטייערונג פאַר ישראל איז אַ הייליקער חוב.

שמואל שפּירא צוזאַמען מיט פייגעלע זאָבערמאַן פירן אַדורך די זאַמלונג פאַר 1987, וואָס האָט אַריינגעבראַנגט 5 מיליאָן אַלטע פראַנק. זאָלן מיר האָפן, אַז מיר וועלן היי־יאָר דערגרייכן די זעלביקע רעזולטאַטן ווי דאָס פאַריקע יאָר. די קאַסירערין דינהלע ראָטשטיין האָט אַ באַדייטנדיקע סומע איינגעזאַמלט פאַר מיטגלידס־אָפּצאָל.

## פּרעמיע אויפן נאָמען פון יידל קאָרמאַן

דער פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, צוזאַמען מיט אונדזער בת־עיר טעשקע קאָרמאַן, האָבן אויפגעשטעלט אַ פּרעמיע אויפן נאָמען פון באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער, קולטור־עסקן און זשורנאַליסט יידל קאָרמאַן.

די פּרעמיע וועט צוגעטיילט ווערן יערלעך פאַר שאַפערישע דערגרייכונגען אויפן תחום פון יידיש־ליטעראַטור, פון קונסט און פון וויסן. לויט די תקנות, ווערן די לאַורעאַטן פון יעדער צוטיילונג אויטאָמאַטיש מיטגלידער פון זשורי ביים באַשטימען די פּרעמיע אינעם קומענדיקן יאָר.

די ערשטע זשורי (אין באַשטאַנד פון פרוי טעשקאַ קאָרמאַן, דעם מאָלער און גראַפיקער משה באַהעלפער, די שרייבער, פאָרשער און געזעלשאַפטלעכע טוער מ. ליטווין, מ. לערמאַן, קאַראָל סאַפירשטיין און ש. קערנער) האָט באַשלאָסן צוצוטיילן די ערשטע פּרעמיע דער שרייבערין לילי בערגער און דעם מאָלער רפאל כוואָלעס.

## אין סאַן־פּאַולאָ

### איינדרוקספולע אזכרה

אונטערן פאָרזיץ פון לאָזער גאָלדבוים, איז דעם 4טן דעצעמבער 1986, אין פאַרבאַנד פון בעסאַראַבער יידן, פאָרגעקומען די אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק. נאָכן דערעפענונג־וואָרט פון פאָרזיצער, האָבן די אָנוועזנדע אָנגעצונדן ליכט לזכר די זעקס מיליאָן קדושים פון יידישן פאָלק און די צענדליקער פאַרשניטענע יידישע ישובים אַרום דער „יידן־שטאָט״ לובלין. דער צערעמאָניאַל, אויסגעפירט

דורך אַלע אָן אויסנאַם אַנוועזנדע, האָט איבערגעלאָזט אַ טיפֿן, עמאָציאָנעלן איינדרוק.

וועגן דעם לעבן, ליידן און מאַרטירערטום פון פוילישן יידנטום בכלל, און באַזונדערס פון לובלינער יידן, האָבן גע־רעדט פאָלגנדע חשובע עסקנים: אהרן פאַרטשעוו, געבוירן אין לובאַרטאָוו-לובעלסקי, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די שואה און איז איצט אַ טיכטיקער טוער פונעם סאַן-פאַולער געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אונדזער בן-עיר מאָטל דינער האָט אין זיין רעדע אָפּגעגעבן כבוד די קדושים און אַפּעלירט צו זיין וואַכ־זאַם ביים פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק אין ישראל און אין די תפוצות. ער אַליין האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער אַדורכגעמאַכט די מלחמה-יאָרן אין פוילן און ראַטן-פאַרבאַנד און איז לאַנגע יאָרן טעטיק אין אונדזער קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט.

דער לאַנגיעריקער ציוניסטישער עסקן פון סאַן-פאַולאָ, יואל ראַלניק, געבוירן אין אָפּאָלע לובעלסקי (ברודער פון פּאָעט ראַלניק), האָט, ווי אויך די פריערדיקע אזכרות, גע־לייענט פראַגמענטן פון „ספר אָפּאָלע", דערשינען אין ישראל, און גערעדט וועגן זיין געבוירן-שטעטל און אַרומיקע ישובים פון לובלין.

אונדזער בת-עיר פרוי מינטשע דינער-יאַקובאָוויטש האָט איינדרוקספול רעציטירט אַ פּאָעמע, געווידמעט דער שואה.

דער חזן שמחהלע זילבערמאַן, אַ טוער פון בעסאַראַבער פאַרבאַנד, וועלכער באַגלייט יעדעס יאָר די אזכרות, האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און אל מלא רחמים.

מיט קדיש בציבור און פאַרטיזאַנען-הימן איז געשלאָסן געוואָרן די אזכרה.

ל. ג.

# פייערונג אין לובלין צום 100סטן יאָר פון דערעפענען דאָס יידישע שפיטאָל

צום 100סטן יאָרטאָג זינט דער דערעפענונג פון געווע־זענעם יידישן שפיטאָל אין לובלין, איז טאַקע מיט דער באַ־מיונג פון ד"ר שמחה ווייס און מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון „דזשאָינט", איינגעמויערט געוואָרן אַן אַנדענק-טאָוול אויף דעם בנין, ווו עס געפינט זיך היינט דער שטאָטישער שפיטאָל אין לובלין.

אין דער אַנוועזנהייט פון שפיטאָל-פּערסאָנאַל, דאָקטוי־רים, קראַנקנשוועסטער און דעלעגאַציעס פון די שטאָטישע מאַכט-אָרגאַנען, עפנט פּראָפ' יוזעף דאַנילאַש די צערעמאָניע, און אין האַרציקע ווערטער באַגריסט ער דעם איניציאַטאָר פון איינמויערן דעם אַנדענק-טאָוול, ד"ר שמחה ווייס, דעם פאַרזיצער פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין לובלין, מאַריאַן אַדלער; דעם פּולקאָווניק אין רעזערוו קאַראָל וורובלעווסקי, וועמענס פאָטער איז לאַנגע יאָרן געווען באַשעפטיקט אין יידישן שפיטאָל; מג"ר יאַן יאַגעלסקי, סעק־רעטאַר פון דער געזעלשאַפט פון אויפזיכט איבער די יידישע בית-עלמינס און דענקמעלער פון יידישער קולטור אין פוילן; און דעם פאַרטרעטער פון הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס-שטימע", יהושע פיאַסעק.

אַ האַרציקע באַגריסונג — זאָגט פּראָפ' יוזעף דאַנילאַש — שיקן מיר איבער די פרוי שרה ערליכמאַן, וועלכע וווינט היינט אין ישראל און איז געווען אַ פלעגערין אינעם דאָזיקן שפיטאָל ביזן יאָר 1942. זי איז געווען אַנוועזנד בעת דער טראַגישער ליקווידירונג פון שפיטאָל און אירע פּאַציענטן. די פרוי ערליכמאַן האָט נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין דער היינטיקער פייערונג, אָבער זי האָט צוגעשיקט אַ האַרציקע באַגריסונג.

עס טרעט אַרויס ד"ר שמחה ווייס, וועלכער דערקלערט צוו"אַנד:

„די היינטיקע פייערונג קומט פאָר פינקטלעך אין 100סטן יאָרטאָג פון דער דערעפענונג פונעם געוועזענעם יידישן שפּי־טאָל אינעם דאָזיקן בנין. די דאָזיקע געשעעניש איז דורך דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון לובלין אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנהייט. וועגן דער וויכטיקער באַ־דייטונג פונעם דערעפענען פון שפיטאָל, האָבן זיך אַרויס־געזאָגט די דעמאָלטיקע פאַרשטייער פון די שטאָטישע מאַכט-אָרגאַנען פון דער יידישער קהילה און פון דער דאָקטוירים-סביבה, דאָס איז פאָרגעקומען דעם 14טן נאָוועמבער 1886.

דאָס שפיטאָל, וועמענס פולער נאָמען האָט געלויטעט „שפיטאָל פון דער יידישער קהילה אין לובלין", איז געווען אין דינסט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער שטאָט אָן אונטערשייד פון געשלעכט, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. דער ערשטער דירעקטאָר (הויפּט-דאָקטער) איז געווען דער אַלגע־מיין באַקאַנטער אין לובלין ד"ר באָלעסלאַוו טעטז, אויטאָר פון עטלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכטע אין „גאַזעטאַ לעקאַרסקאַ". אין 1898 האָט איבערגענומען דעם דירעקטאָרן-אַמט ד"ר יאַקוב צינבערג, וועלכער האָט אויסגע־פירט די דאָזיקע פונקציע ביזן יאָר 1930. ער האָט גלייכצייטיק אויסגעפירט די פליכט אַלס לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן אינעם דאָזיקן שפיטאָל. אין פאַרלויף פון זיינע 40 יאָר אַרבעט, איז ער נישט נאָר געווען אַ גוטער דאָקטער און אַדמיניסטראַטאָר, נאָר אויך אַן איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער. אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיין איבערגעגעבענער און שווערער אַרבעט, איז אין 1928סטן יאָר איינגעמויערט געוואָרן דורך די דאָרטיקע דאָק־טוירים אין שפיטאָל-האָל אַ מאַרמאָרן טאָוול מיט דעם געהע־ריקן אויפשריפט אין דער יידישער שפּראַך.

ווייטער דערמאָנט ד"ר ווייס, אַז אין יאָר 1936 האָט די אָנפירונג פון שפיטאָל איבערגענומען דער באַקאַנטער גע־שעצטער דאָקטער און פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער טוער ד"ר הענריק מאַנדעלבאַום.

מיט דער איניציאַטיוו פון ד"ר מאַנדעלבאַום האָט דאָס שפיטאָל שוין פאַרמאָגט ביי 100 בעטן. דאָס שפיטאָל האָט אין דער צייט געהאַט פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: אינערלעך — נעוראָלאָגישע (40 בעטלעך), כירורגישע — 28 בעטלעך, קינדער — 11 און גינעקאָלאָגיע — 11.

רעדנדיק וועגן די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שפיטאָל און זייערע פּראָוואַלטערס, די דאָק־טוירים יאַקוב צינבערג, אברהם קערשמאַן, הענריק מאַנדעל־באַום, האָלצבערג, סאַמועל ראָזען, יהודה שאַפּירא, לעאָן

קאַגאַן, סאַלאָמאָן בראָמבערג א. א. דערמאָנט דער רעדנער, אַז דאָס שפּיטאָל האָט געהאַט אין זיין רשות אַן אַנאַליטיש־באַקטעריאָלאָגישע אַמבולאַטאָריום אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר מיעטשיסלאַוו צוקערפיין און אויך אַ רענטגען־אָפּטייל, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט ד״ר שיף און ד״ר סירקין. עס וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען די 7 יידישע פלעגערינס און צווישן זיי די איינציק לעבנגעבליבענע, די שוין דערמאָנטע שרה ערליכמאַן, וועלכע האָבן מיט איבער־געגעבנקייט, מסירת נפש אַלץ געטאָן, צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די קראַנקע.

ביים שפּיטאָל איז אויך געווען אַ בית־מדרש פאַר די קראַנקע. יעדן פרייטיקצונאַכטס זענען פאָרגעקומען צונויפ־טרעפן, אויף וועלכע עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. עס האָבן אין זיי אָנטיילגענומען נישט בלויז דאָקטוירים פון שפּיטאָל, נאָר אויך פון לובלין און פון די דערנעבנדיקע שטעט פון דער וואָיעוואָדשאַפט.

די פינאַנסיעלע לאַגע פון שפּיטאָל איז געווען אַ שווערע, באַזונדערס אין די 20ער יאָרן און אין דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער. דער אָפּצאָל פאַר דער שפּיטאָל־היילונג איז געווען אַ מינימאַלער און ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין קראַנקע, וועמען מען האָט געהיילט אומזיסט.

אַ גרויסע ראָל ביים אויפהאַלטן דאָס שפּיטאָל אויף אַ געהעריקן ניווא, האָט אויסגעפירט דער א.ג. „פרויען־קאָמי־טעט". אַ דאַנק זיין ענערגישער און מסירת־נפשדיקער אַר־בעט, איז דאָס שפּיטאָל באַזאָרגט געוואָרן מיט וועש, מעבל, מאַטראַצן, קוך־געשיר און אַפילו שפּייז־פּראָדוקטן. געלט אויף דעם איז געשאַפן געוואָרן דורך באַשטייערונגען, איינ־געאָרדנטע פאַרוויילונגס־אימפּרעזן און אַנדערע. עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז הילף פון שפּיטאָל האָט אויך גענאָסן אין אַ גרויסער מאָס די באַפעלקערונג פון די נאָענטע שטעט און דערפער.

ווייטער זאָגט ד״ר שמחה ווייס:

„אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, האָבן זיך די הייל־באַדינגונגען אין שפּיטאָל ראַדיקאַל פאַר־ערגערט. אויפן סמך פון די גבית־עדות פון די שוין דערמאָנטע געוועזענע פלעגערין שרה ערליכמאַן און פון דער פרוי פון ד״ר זיגעלוואַקס איז באַוווּסט, אַז דאָס שפּיטאָל איז איבער־פולט געוואָרן מיט קראַנקע, ביי וועלכע אין דער גרעסטער טייל איז פעסטגעשטעלט געוואָרן שווינדזוכט און אַפילו פלעק־טיפוס.

אין יענער צייט איז דירעקטאָר פון שפּיטאָל געווען ד״ר שיע זיגעלוואַקס, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע געווינט אין שפּיטאָל־בנין ביז זיין טראַגישן סוף.

דעם 27סטן מערץ 1942, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך דעמאָלס געפונען אין שפּיטאָל (אַרום 300 פערזאָן אין דעם העכער 10 קימפעטאָרינס און זויג־קינדער). ביז 7 אַזייגער אינדערפרי האָט מען אַרויס־געטראָגן אַלע קראַנקע און זיי פאַרלאָדן אין לאַסט־אויטאָס, באַדעקטע מיט פלאַנדעקן. די קראַנקע זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן דורך די דאָקטוירים, פלעגערינס און טעכנישן פּער־סאָנאַל. די לעצטע זענען נאָך איבערגעלאָזט געוואָרן אין שפּיטאָל, כדי — ווי עס האָבן זיך אויסגעדריקט די רוצחים — רייניקן און ברענגען אין אָרדענונג די פאַרלאָזטע זאַלן.

די שווער קראַנקע זענען דערשאָסן געוואָרן נעבן דעם שפּיטאָל און באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית־עלמין אויף דער אוניצקי־גאַס. די „לייכטע קראַנקע" זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן וועג קיין לובאַרטאָוו, עטלעכע קילאָמעטער פון לובלין, אין די וועלדער ביים דאָרף דיס. זייערע קערפּערס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די פריער צוגעגרייטע גרובנס און פאַרשיט געוואָרן מיט אַ דינעם שיכט ערד.

צום סוף פון זיין אַרויסטריט, דערקלערט ד״ר שמחה ווייס:

„אין 100סטן יאָרטאָג פון דער דערעפענונג און 45סטן יאָרטאָג פון דער טראַגישער ליקווידאַציע פונעם יידישן שפּי־טאָל אין לובלין, איז מיט דער מי פון מענטשן פון גוטן ווילן איינגעמויערט געוואָרן אַן אָנדענק־טאָוול אויפ בנין, וועלכער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן".

←



די אַנטהילונג פונעם אָנדענק־טאָוול אויפן בנין פון געוו. יידישן שפּיטאָל אין לובלין, צום 100סטן יאָר פון זיין גרינדונג. עס רעדט דער איצטיקער דירעקטאָר פון שפּיטאָל.
דער דריטער פון לינקס — ד״ר בינם ווייס.

פראָפ׳ יוזעף דאַנילאַש און ד״ר שמחה ווייס פירן אַדורך די צערעמאָניע פון דער אַנטהילונג פון אַנדענק־טאַוול. אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט צו דעם איינגעמויערטן מאַרמאָרענעם טאַוול, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט אויף יידיש און פויליש די ווערטער:

„אין דעם דאָזיקן בנין האָט זיך געפונען אין די יאָרן 1886—1942 דאָס יידישע שפּיטאָל.״

נאָך דער אַנטהילונג־צערעמאָניע, אויף דער איינלאַדונג פון פראָפ׳ יוזעף דאַנילאַש, באַזוכן די געסט דאָס שפּיטאָל. מיר באַקענען זיך מיט דעם צושטאַנד פון דער אַלטער געביידע און מיט נייע שוין צוגעבויטע קאָנדיגנאַציעס. נאָך דעם באַזוך ווערן די געסט אויפגענומען דורך דעם דירעקטאָר פון שפּיטאָל, אין דער אַנוועזנהייט פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער אויף „אַ גלעזל טיי״ מיט צובייסן, בעת וועלכן עס קומט פאָר אַ געמיטלעכער שמועס וועגן פאַרגאַנגענע צייטן און אַקטועלע פראַגן.

די דאָקטוירים אין זייערע ווייסע פאַרטוכער פירן אונדז מיט זייערע אויטאָס צום אַלטן יידישן בית־עלמין אין לובלין. מיר שטייען ביי די קברים פון פאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע טוער, עסקנים, צדיקים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פונעם אַלטן יידישן ישוב אין לובלין, וואָס איז אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן פאַרטיליקט געוואָרן.

אין צענטער פון דער שטאָט, ווו עס געפינט זיך דער דענקמאָל לכבוד די אומגעבראַכטע לובלינער יידן, האָבן זיך פאַרזאַמלט די היינטיקע יידישע איינוווינער פון לובלין מיט דעם פאָרזיצער פון אָרטיקן יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד מאַריאַן אַדלער און די געקומענע דעלעגאַציע פון וואַרשע. ד״ר שמחה ווייס רעדט מיט אַ געבראַכענע שטים וועגן פאַרטיליקטן יידישן לובלין. עס ווערן געלייגט בינטלעך בלומען, די אַנוועזנדיקע זאָגן אַ קאָלעקטיוון קדיש.

דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען בלויז עטלעכע קילאָמעטער פונעם אָרט, וועלכער רופט זיך — מ א י ד א נ ע ק...

(י. פ.)

## מיט 39 יאָר צוריק אין לובלין

**יאָרטאָג פון דער פאַרניכטונג פון לובלינער יידישן ישוב**

לובלין האָט אַמאָל געציילט 43 טויזנט יידן מיט אַ רייכן און פיל פאַרביקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דעם 9טן נאָוועמבער 1942 האָבן די היטלעריסטן אויסגעמאָרדעט די לעצטע און גרעסטע צאָל לובלינער יידן אויפן מאַידאַן טאַטאַרסקי.

לויט אַ באַשלוס פון צוזאַמענפאָר פון די לובלינער לאַנדסלייט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער דאָזיקער טאָג זאָל זיין אַן אַלגעמיינער טרויער־טאָג פאַר אַלע לעבנגעבליבענע לובלינער אין לאַנד און אויסלאַנד.

דעם 9טן נאָוועמבער 1948 יאָר האָט די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין לובלין איינגעאָרדנט אַ טרויער־פייערונג צו דער 6סטער יאָרצייט.

די אזכרה עפנט דער וויצער־פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — י. רייכענשטיין. נאָכן דערעפענונג־וואָרט, ווערן דורכן עלטסטן לובלינער ייד — הערש פראַקטער, אָנגעצונדן יזכור־ליכט. דער עולם שטייט אויף פון די ערטער און אַ טויט־שטילקייט הערשט אין זאַל. דער פאַרשטייער פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע מאַכט אַן אל מלא רחמים.

ס׳ווערט איבערגעלייענט אַ טעלעגראַמע פון פאַריז, אין וועלכע די לובלינער לאַנדסלייט אין פראַנקרייך דריקן אויס זייער מיטבאַטייליקונג אינעם טרויער־טאָג פון דעם 9טן נאָוועמבער. דער סעקרעטאַר פופן דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, אהרן ניסענבוים רעדט וועגן אַמאָליקן יידישן לובלין.

אויפצומאָרגנס האָבן זיך די לובלינער יידן פאַרזאַמלט אויפן יידישן בית־עולם, ביים דענקמאָל פון ברודער־קבר פון די עקסהומירטע לובלינער. קורצע רעדעס האָבן געהאַלטן: אהרן ניסענבוים, דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט — זיידענוואַרן, רייכענשטיין און הרב שטערנפעלד, וועלכער האָט אויך געמאַכט אַן אל מלא רחמים. ה. פראַקטער האָט געזאָגט קדיש. אויפן קבר איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ קראַנץ אין נאָמען פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

*

אויף דער שאָפּען־גאַס אין לובלין איז אַ הויף געווען אויסברוקירט מיט מצבות פון יידישן בית־עולם. די אָרטיקע לאַדסמאַנשאַפט צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע, האָבן די מצבות (20 טאָן) אָפּגענומען און אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית־עולם.

(„פאָלקס־שטימע״, וואַרשע)

## צוגרייטונגען אָפּצומערקן דעם 45סטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון לובלינער יידישן ישוב

דעם 9טן נאָוועמבער 1987 יאָר וועט אויספאַלן 45 יאָר נאָך דער בלוטיקער ליקווידאַציע פון לובלינער יידישן ישוב. ווי אין די אַלע אַנדערע געטאָס פון פוילן, האָבן די נאַצישע רוצחים פאַרטיליקט אין לובלין 43 טויזנט יידן, מענער, פרויען, קינדער און זקנים. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד אַ רייך־שפּרודלדיק יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן. לויט אַ באַשלוס פונעם צוזאַמענפאָר פון די לובלינער לאַנדסלייט, גלייך נאָך דער באַפרייונג, איז דער 9טער נאָוועמבער באַשטימט געוואָרן אַלס אַלגעמיינער טרויער־טאָג פאַר אַלע לעבנגעבליבענע לובלינער יידן אין פוילן און אין אויסלאַנד.

אין יאַנואַר ה״י איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ קאָמיטעט צום אָרגאַניזירן און דורכפירן די פייערלעכקייטן, געווידמעט דעם 45סטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין לובלין. אין באַשטאַנד פון קאָמיטעט געפינען זיך די פאָלגנדיקע פערזענלעכקייטן: מאַריאַן אַדלער, פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין לובלין, ד״ר הענריק גאַבסקי (קאַטוילישער אוניווערסיטעט אין לובלין), יוסף האָניג, פאָרזיצער פון דער אָרטיקער יידישער קהילה, פראָפ. עלזשביעטאַ האַרן (מיטגליד פון פּרעזידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן), מג״ר יאַן יאַגעלסקי (סעקרעטאַר פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פון

אויפזיכט איבער די בית־עלמינס און דענקמעלער פון יידישער קולטור אין פוילן) ; מג״ר זאָפיאַ לעשטשינסקאַ (היסטאָריקער, לובלין), פראָפ. זיגמונט מאַקאָווסקי (פאָרזיצער פון דער קרייז־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין לובלין, אינסטיטוט פון פאָלקס־אָנדענק, אוניווערסיטעט א״נ פון מאַריאַ קירי־סקלאָדאָווסקאַ אין לובלין) און ד״ר שמחה ווייס (פאַרטרעטער פונעם הויפט־רעדאַקטאָר פונעם אַרכיוו פון געשיכטע און פילאָזאָפיע פון דער מעדיצין (וואַרשע).

## וויסנשאַפטלעכע סעסיע

די פייערלעכקייטן וועלן דויערן דעם 9טן און 10טן נאָוועמבער און זיך אָנהייבן מיט אַ וויסנשאַפטלעכע סעסיע אד״ט „די מאַרטיראָלאָגיע און אומקום פון די יידן אין לובלין״. אין פראָגראַם: אַריינפיר־וואָרט פון פראָפ. ז. מאַנקאָווסקי, דירעקטאָר פון געשיכטע־אינסטיטוט אין לובלין. דערנאָך וועלן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן: ד״ר שמחה ווייס — „די יידן אין לובלין ערב די 2טע וועלט־מלחמה״ ; פראָפ. ז. מאַנקאָווסקי — „די פאָליטיק פונעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט לגבי די יידן אין לובלין״ ; ד״ר י. מאַרשאַלעק — „דאָס לובלינער געטאָ און זיין אומקום״ ; פראָפ. מ. דונין־וואָנסאָוויטש — „די הילף פאַר יידן אין לובלין און אומגעגנט״ ; מג״ר ז. לעשטשינסקאַ און ד״ר ש. ווייס — „די פאַרלוסטן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין לובלין בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע״.

אין די ראַמען פון די פייערלעכקייטן וועט געעפנט ווערן ביי דער שיל אויף לובאַרטאָווסקאַ 10 אַן אָנדענק־צימער, וואָס וועט זיין פאַרזען מיט גאָבלאָטן פון עקספּאָנאַטן, פאַרבונדן מיט דעם יידישן שטייגער און מנהגים, בילדער און דאָקומענטן וועגן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלין, ווי אויך מיט ביכער און אַנדערע אויסגאַבעס אויף יידישער טעמאַטיק.

עס ווערט אויך פאָרגעזען איינצומויערן אין איינער פוז די ווענט פון „אָנדענק־צימער״ אַ טאָוול, וואָס זאָל דערמאָנען די הילף פון דער פוילישער געזעלשאַפט ביים ראַטעווען יידן אין די יאָרן 1939—1944. אינעם צימער וועלן זיך אויך געפינען דאָס מעבל פון דער שיל און דער אָרון־הקודש.

עס ווערט אויך פלאַנירט אַרויסצוגעבן אַן איינמאָליקע אויסגאַבע, געווידמעט דעם 45סטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ.

דער פלאַן זעט אויך פאָר דאָס איינמויערן אָנדענק־טאָוולען אויפן געוו. פרץ־הויז, אויפן געוו. יידישן יתומים־הויז אויף דער גראָדזקע־גאַס, אויף דעם אָרט, ווו עס האָבן זיך געפונען די מהרש״ל־שיל און די מהר״ם־שיל, אויפגעבויט אין 1567 יאָר, ווי אויך אויף דער שיל אויף לובאַרטאָווסקע 10.

דער קאָמיטעט פאַר צוגרייטן די פייערלעכקייטן לייגט אויך פאָר אָנצורופן איינע פון די לובלינער גאַסן, ווו עס האָבן ביזן 1939 יאָר געלעבט יידן אָדער אין שכנות פון די יידישע בית־עלמינס א״נ „געטאָ־קרבנות״.

אַ וויכטיק אָרט אינעם פלאַן פאַרנעמט אויך דאָס ברענגען אין אָרדענונג דעם אַלטן יידישן בית־עלמין אויף דער קאַלינאָוושטשיזנע־שעננע גאַסן. צוגרייטן צוויי פילמען: 1) וועגן די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין לובלין ביזן 1939 יאָר. 2) אַ פילם א״נ באַלאַדע וועגן דעם אַלטן יידישן בית־עלמין אין לובלין.

אַרויסגעבן אַ וועג־ווייזער אין פויליש, יידיש און ענגליש פון אַלטן יידישן בית־עלמין וועגן דער געשיכטע פון הייליקן אָרט, אַ רשימה פון די קברים פון די פאַרדינסטפולע יידן, דעם פלאַן פון בית־עולם.

איבערגעדרוקט פון דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע״ פון 10.1.1987.

אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין״ (אַפּריל 1988), וועלן מיר אָפּדרוקן אַ לענגערן באַריכט־רעפּאָרטאַזש פון דוד שטאָקפיש וועגן די אַדורכגעפירטע פייערונגען אין לובלין.



אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן יוכבד פלומענקער און איר מאַן באַזוכט לובלין און מיידאַנעק. אויפן בילד: דער מאָנומענט ביים אַריינפאָר אינעם געוועזענעם טויטן־לאַגער מיידאַנעק.

teatrnn.pl

# W lubelskim klubie TSKŻ rozpoczęto rok Kulturalno-Oświatowy

Po wakacyjnej przerwie br. Klub Kulturalno-Oświatowy Towarzystwa Społeczno-Kulturalnego Żydów w Lublinie wznowił swoją działalność.

Nowy rok Kulturalno-Oświatowy 1986/87 został zainaugurowany w gronie stałych bywalców Towarzystwa oraz przy udziale licznie zaproszonych gości i sympatyków Klubu.

Otwarcia sezonu dokonał wieloletni przewodniczący TSKŻ **Marian Adler,** przedstawiając zebranym program działania Klubu, na który złożyły się:

— spotkania z ciekawymi ludźmi, reprezentującymi różne dziedziny nauki — lekarzem, historykiem, socjologiem i innymi,

— odczyty,

— obchody rocznicowe,

— pogadanki,

— a zwłaszcza wizyty aktorów Państwowego Teatru Żydowskiego, które w Lublinie cieszą się szczególną sympatią i powodzeniem.

Działalność kulturalną zapoczątkowano -spotkaniem literac kim z autorką — członkinią Towarzystwa — która odczytała obszerny fragment swej powieści zatytułowanej **„Między Horyniem** a Słuczą".

Było to już kolejne spotkanie z Panią **Zofią Grzesiak** i Jej bohaterami, przedstawicielami społeczności żydowskiej, ukraińskiej i polskiej, których wspólne dzieje splatały się w okresie międzywojennym i w czasie wojny na maleńkiej polskiej wsi nad Horyniem. Bohaterowie ci tworzą niezrównaną plejadę typów i osobowości jakże plastycznie i „żywo" utrwalonych na kartkach autobiograficznej powieści, przygotowywanej aktualnie do druku.

W ramach realizacji programu działalności Klubu, w dniu 5 listopada br., przybyli do Lublina aktorzy Państwowego Teatru Żydowskiego z recytacjami żydowskiej poezji miłosnej, urozmaiconymi śpiewem i tańcem. Jak zwykle ciepłe przyjęcie szerokiej publiczności zachęca ten sympatyczny zespół do częstszych wizyt w Lublinie. Szkoda tylko, że trudności organizacyjne pozbawiają lubelską widownię możliwości oklaskiwania całych spektakli teatralnych, w pełnej obsadzie aktorskiej, z odpowiednią scenografią, odpowiednią muzyką, światłami i z tą niezwykłą atmosferą, którą tworzy również, a może przede wszystkim, owiany bogatą tradycją zasłużony gmach Teatru na Placu Grzybowskim.

Obok imprez typowo rozrywkowych, lubelski Klub był organizatorem dorocznych obchodów pamięci pomordowanych w czasie likwidacji getta w Lublinie. Z tej okazji w dniu 14 listopada br. nastąpiło uroczyste odsłonięcie tablicy pamiątkowej na gmachu, w którym obecnie mieści się Szpital Ginekologiczno-Położniczy oraz złożenie kwiatów pod Pomnikiem Pomordowanych i na Cmentarzu Żydowskim.

Tego samego dnia w godzinach wieczornych uczestniczący w uroczystościach spotkali się w Klubie z dr. **Symche Wajsem,** który z rozrzewnieniem wspominał dzieje Lublina sprzed wojny.

WANDA LOTTER

# W 44 rocznicę powstania w getcie warszawskim

W ostatnich dniach kwietnia w Lubelskim Domu Kultury zorganizowaliśmy wieczornicę poświęconą 44 rocznicy powstania w getcie warszawskim. W wieczornicy wzięli udział przedstawiciele Zarządu Wojewódzkiego ZBoWiD. Po części oficjalnej wystąpił zespół Państwowego Teatru Żydowskiego z programem słowno-muzycznym zatytułowanym „Cieniom pomordowanych" — była to poezja poświęcona tematyce wojny i okupacji.

Tego samego dnia delegacja TSKŻ złożyła wiązanki kwiatów przy Pomniku Pomordowanych Żydów Lublina i Lubelszczyzny oraz w obozie zagłady na Majdanku.

★

## SPOTKANIE Z REŻYSEREM JAKUBEM ROTBAUMEM

W dniu 8.5.1987 r., w klubie TSKŻ w Lublinie, odbyło się spotkanie ze znanym reżyserem Jakubem Rotbaumem, który mówił o swojej 60-letniej pracy reżyserskiej. Szacownego gościa przywitał przewodniczący lubelskiego oddziału TSKŻ Marian Adler.

Jakub Rotbaum opowiadał o swojej pracy scenicznej w teatrach żydowskich w Polsce przed wojną, oraz we Francji, następnie po wybuchu II wojny światowej w USA a następnie przez długie lata w teatrach Buenos Aires w Argentynie, Izraelu, Brazylii i inynch krajach gdzie są większe skupiska żydowskie.

Po tułaczce wojennej powrócił do Polski i pracował w teatrze żydowskim imienia Ester Rachel Kaminskiej.

Przez długie lata był dyrektorem i kierownikiem artystycznym Teatru Polskiego we Wrocławiu. Warto zaznaczyć, że prelekcja, która trwała ponad 2 godziny, była uważnie i z wielkim zainteresowaniem wysłuchana przez licznie zgromadzonych zwolenników jego talentu.

Po prelekcji Jakub Rotbaum chętnie odpowiadał na licznie stawiane pytania. Zebrani prosili szacownego gościa o następny przyjazd do Lublina.

MARIAN ADLER

# נחת פון לובלינער יידן

אויך אין איצטיקן „קול לובלין", ברענגען מיר באַריכטן און אָפּשאַצונגען וועגן אייניקע לאַנדסלייט אונדזערע, פֿרויען און מענער, וואָס זענען באַערט און פּרעמירט געוואָרן פֿאַר זייער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי אויך אויפֿן געביט פֿון קונסט, ליטעראַטור, פילאַנטראָפּיע אדג"ל. די רשימה — לויט א"ב.

## די מאָלערין חנה אַכטמאַן

שבת, דעם 28סטן אַפּריל 1986, איז אין מוזעאום בית ריבאַק אין בת־ים פֿאָרגעקומען די דערעפֿענונג פֿון דער ביל־דער־אויסשטעלונג פֿון אונדזער בת־עיר חנה אַכטמאַן, מיטן אָנטייל פֿון דער קינסטלערין, איר מאַן יוסף אַכטמאַן, מיט־גלידער פֿון לובלינער קאָמיטעט און פֿריינד.

די אויסשטעלונג האָט אָרגאַניזירט די קולטור־יוגנט־ספּאָרט־אָפּטיילונג פֿונעם שטאָטראַט בת־ים און פֿונעם אָר־טיקן פֿאַרבאַנד פֿון מאָלער און סקולפּטאָרן. אירע 19 בילדער האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט פּייזאַזשן פֿון ירושלים, צפת, יפו, נתניה, עין־גדי און אַנדערע ערטער און לאַנדשאַפֿטן. אויך „די בראָם" פֿון לובלין, וואָס די מאָלערין האָט געשאָנ־קען פֿאַרן „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב.

אין נאָמען פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פֿון בת־ים, האָט באַגריסט דער ה' דזשערבי; פֿון ארגון יוצאי לובלין — מתתיהו האַרן; פֿון דער משפּחה — יוסף אַכטמאַן.

חנה אַכטמאַן איז געבוירן אין יאָר 1907. די שוידער־לעכע מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט ווי אַ קריסטין אויפֿן נאָ־מען פֿון אַננאַ מאַריאַ זאַוואַדזקאַ. אירע ערשטע לעקציעס אין מאָלעריי האָט זי באַקומען אין קראָקע, דערנאָך אין תל־אביב און בת־ים. אירע בילדער זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין בית ציוני אמריקה אין תל־אביב (1965); אויפֿן וויצ"אָ־באַזאַר אין תל־אביב (1971); אויפֿן ערשטן וועלט־צוזאַמענ־טרעף פֿון די לובלינער אין 1973; אין זאַל „בני־ברית" אין



אויף דער בילדער־אויסשטעלונג פֿון חנה אַכטמאַן.
זי באַגריסט מ. האַרן. לינקס שטייט: יוסף אַכטמאַן.

תל־אביב. און אין 1984 — אויפֿן יערלעכן באַזאַר פֿונעם פֿאַראיין צו שטיצן צוריקגעשטאַנענע קינדער.

## דער שרייבער יחיאל גראַנאַטשטיין

מאָנטיק, דעם 13טן יולי 1987, איז אין בית לייוויק, תל־אביב, פֿאָרגעקומען די זעקסטע פֿאַרטיילונג פֿון דער ליטע־ראַטור־סטיפּענדיע א. נ. פֿון רבקה און יהושע גאָלדבערג — די שרייבערס צבי אייזנמאַן און יחיאל גראַנאַטשטיין.

דעם אָוונט האָט געפֿירט דער פֿאָרזיצער פֿון יידישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישראל, מרדכי צאַנין, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער ליטעראַרישער און זשורנאַליס־טישער יצירה פֿון יחיאל גראַנאַטשטיין.

אַ לענגערן עסיי וועגן צבי אייזנמאַנס שאַפֿונגס וועג, האָט געלייענט דער דיכטער און עסייאיסט שלמה וואָרזאָגער.

די צוויי פּרעמירטע פֿען־מענטשן האָבן באַדאַנקט דער זשורי (רבקה באַסמאַן, אַדוו׳ ישראל איסערלעס און אפרים שרייער) פֿאַר דער צוגעטיילטער אָנערקענונג, און אויך די עטאַבלירערס פֿון דער ליטעראַטור־פּרעמיע. צבי אייזמאַן האָט געלייענט 2 קורצע דערציילונגען פֿון זיין באַזוך אין וואַרשע מיט אַ יאָר צוריק, און יחיאל גראַנאַטשטיין האָט זיך גע־טיילט מיט זכרונות פֿון דער שואה־תקופֿה און פֿון זיינע ערשטע שריט אין ישראל.

צום סוף האָט רבקה גאָדלבערג פֿאָרגעלייענט צוויי לי־דער, געווידמעט דער יידישער מאַמע.

## דער היסטאָריקער ד"ר שמחה בינם ווייס

אונדזער בן־עיר ד"ר ווייס פֿון וואַרשע, וואָס האָט אין די חדשים אַפּריל—מאַי 1987 געוויילט אין ישראל, איז דורך דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט אין תל־אביב פֿאַרבעטן געוואָרן צו האַלטן אַ פֿאָרטראַג וועגן דעם היסטאָריקער־קדוש ד"ר עמנואל רינגעלבלום און ביי דער געלעגנהייט אויך אָפּגעבן אַ גרוס פֿונעם היינטיקן יידישן ישוב אין פּוילן.

אינעם פֿול־געפּאַקטן זאַל פֿון בית ראשוני פּועלי־ציון, האָט דעם גאַסט פֿון וואַרשע פֿאָרגעשטעלט דוד שטאָקפֿיש און דערציילט וועגן אים אייניקע ביאָגראַפֿישע פּרטים:

געבוירן אין פּיוסק און אין עלטער פֿון 4 יאָר, האָבן די עלטערן זיך באַזעצט אין לובלין. אין סעפּטעמבער 1939 אַנטלויפֿט ער קיין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָרט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל הינטער פֿרונזע, די הויפּטשטאָט פֿון קירגיזיע. אין יאָר 1946 זיך אומגעקערט קיין פּוילן מיט אַ פֿרוי און צוויי קינדער. אין 1957 האָט בינם ווייס פֿאַרענדיקט די מע־דיצינישע אַקאַדעמיע אין וואַרשע און מיט 8 יאָר שפּעטער באַקומען דעם טיטול ד"ר מעדיצין (סטאָמאַטאָלאָגיע) און דער עיקר זיך געווידמעט דער געשיכטע פֿון מעדיצין. ער האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט אַ 150 אַרטיקלען אין פֿאַרשידענע

אויסגאַבן און איז איצט וויצע־רעדאַקטאָר פונעם פערטליאָרשריפט „אַרכיוווּם היסטאָריי מעדיציני אי פילאָזאָפיי", די אויסגאַבע פון דער פוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און דער עיקר זיך געווידמעט דער היסטאָריע פון דער ידישער מעדיצין. ער איז מחבר פון 5 ביכער אויף היסטאָריש־מעדיצינישע טעמעס. דערפון — אַ לעקסיקאָן פון די גרעסטע סטאָמאַטאָלאָגן אין דער וועלט (142 !). 2 נייע ביכער זיינע געפינען זיך אין דרוק.

ד"ר ווייס ווידמעט זיך די לעצטע יאָרן דער פאַראייביקונג פון דער ידישער לובלין: אַ טעלעוויזיע ־פילם, רענאָוואַציע פון אַלטן בית־הקברות, אָנדענק־טאָוולען אויף די בנינים פון די געווו. ישיבת חכמי לובלין, יידישן יתומים־הויז, יידיש שפּיטאָל און אויך געזאָרגט צונויפשטעלן אַ רשימה פון אַלע מצבות (80 טויזנט) אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע, מיט דער הילף פון נאָך אַ 10—12 פרייוויליקע יידן.

## משפחה־שמחה ביי יוסף זאַבערמאַן

אין דער אָרטאָדאָקסישער סינאַגאָגע אויף רי מאָנטעווידעאָ אין פּאַריז, איז שבת פרשת וישלח פאָרגעקומען אַ פייערלעכע צערעמאָניע לכבוד דעם געבורט פון חנה אסתר זאַבערמאַן, דאָס אייניקל פון באַקאַנטן היגן געזעלשאַפטלעכן עסקן, פּרעזידענט פון דער „פאָלקס־אַקציע", מיטגליד פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער פאַראייניקטער זאַמל־אַקציע פון יידן אין פראַנקרייך, און פון פאַרשידענע יידישע צענטראַלע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס — יוסף זאַבערמאַן.

ביים דאַווענען זענען געווען אָנוועזנד — אויסער די פּערמאַנענטע מתפּללים פון דער סינאַגאָגע, צווישן וועלכע עס געהערט די פאַמיליע זאַבערמאַן — אַרום 200 איינגעלאַדענע געסט פון די פאַרשידענע קרייזן פון יידישן פּאַריז, סיי ספרדים און סיי אשכנזים.

דער בעל שמחה אריה לייב זאַבערמאַן, דער פאָטער פון דעם מיידעלע אסתר חנה, איז אַ געווו. תלמיד פון דעם רמב"ם־ליצעאום אין בולאָן. ער איז אַליין אַ שומר שבת און זיין פרוי שאַנטאַל וועלכע שטאַמט פון פרומע אַלזשיריאַנער יידן, אַ דאַנק וועלכע זי איז אַנטשלאָסן צו דערציען אירע קינדער אין אָרטאָדאָקסישן גייסט. דאָס מיידעלע אסתר חנה איז שוין קיין עין הרע דאָס פערטע קינד אין דער משפחה פון אריה־לייב און שאַנטאַל זאַבערמאַן. און איר שוועסטער שרה און אירע צוויי זין נתן און דב זענען איצט תלמידים פון דעם רמב"ם־ליצעאום.

נאָך דעם דאַווענען איז סערווירט געוואָרן אַ „קידוש" כיד המלך, וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט דורך די צוויי באָבעס: מאַדאַם מרים זאַבערמאַן און מאַדאַם זשילבערט זערביב. ביים „קידוש מאַכן" האָט דער זיידע יוסף זאַבערמאַן אויסגעזינגען די תפילות אויפן חסידישן אופן, מיטן ניגון פון ראַדזינער חסידישן „הויף".

מען האָט געווונטשן פיל נחת די עלטערן און די זיידעס און באָבעס און געווונטשן זיך אויף אַ נייער פאַמיליע־שמחה, וואָס וועט איינגעאָרדנט ווערן לכבוד דעם געבורט פון ערשטן אור־אייניקל און אַלע זענען איבערצייגט, אַז די גליקלעכע עלטערן און די זיידעס און באָבעס וועלן דעם דאָזיקן ווונטש מקיים זיין.

צו דעם ווינטשן שליסן מיר זיך אָן.

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז)

## דער געזעלשאַפטלעכער טוער קאָפּל מיזשריצקי

דער פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, האָט אין חודש יוני 1987 אַדורכגעפירט אַ מסיבה לכבוד דעם כלל־טוער קאָפּל מיזשריצקי, וואָס פאַרנעמט דעם בכבודיקן אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, אַקטיווער מיטגליד פונעם קאָמיטעט פאַר יידיש און פון די אָנפירנדיקע חברים פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

אין דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע", איז דערשינען אַ לענגערער באַריכט פון דער מסיבה, פון וועלכן מיר ברענגען גרעסערע אויסצוגן:

„אין דעם היגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן ווערט ממש אַ זעלטנהייט אָפּצוגעבן כבוד א פאַרדינסטפולן יידישן עסקן, וואָס האָט זיינע בעסטע יאָרן, פון דער פריסטער יוגנט, געשטעלט אין רשות הרבים. פאַר קאָפּל מיזשריצקי, און זיין ליבע לעבנסבאַגלייטערין, איז ביי דער אָנוועזנהייט פון גאָר אַ גרויסער צאָל חברים, באַקאַנטע, פריינט און פאַרערער, דורכגעפירט געוואָרן אַן אומפאַרגעסלעכע מסיבה, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. אָן נאָטיצן אין צייטונגען, אָן פראָפּאַגאַנדע־טומל, בלויז מיט טעלעפאָנישער אָדער מינדלעכער פאַרבעטונג, זענען זיך צוזאַמענגעקומען עטלעכע צענדליק חברים און פריינט פונעם יובילאַר, כדי אויף אַ באַשיידענעם אופן אָפּצוצייכענען די 71 יונגע יאָרן פונעם דינאַמישן עסקן און לאַנג־יאָריקן סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד.

נאָכן דערלאַנגען, מצד דער טיכטיקער פרויען־קאָמיסיע, אַ טיי מיט צובייס, האָט דער פּרעזידענט קאַראָווסקי דערעפנט די מסיבה מיט טרעפלעכע און האַרציקע ווערטער, באַגלייט מיט אויפריכטיקע ווונטשן פון אריכת ימים ושנים פאַרן באַערטן, פאַר זיין פרוי און משפחה.

ביי אַזאַ משפחהדיקן צוזאַמענקום האָבן אַ סך אָנוועזנדע געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן דעם בעל היובל און דעם האַרציקן יידן. די מסיבה האָט טרעפלעך אָפּגעשאַצט די געבענטשטע אַקטיוויטעטן פון דעם באַערטן.

זשאַמע קאַפּלאַן האָט אין קורצע ווערטער אויפגעפרישט אין זכרון טרעפונגען און שמועסן מיטן בעל־היובל, זעענדיק אין אים דעם שטילן עסקן מיט פּאָזיטיווע מעשים. פישעלע בראָנשטיין, ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, האָט אין זיין לענגערער רעדע אָפּגעשאַצט דעם בעל־היובל, זיינע מעלות טובות, זיין אחריות ביי געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

דער דיכטער צעסלער האָט באַגריסט אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון זיין פרוי און דעם בעל־היובל און פאַמיליע, געווונטשן שעפערישע יאָרן פון המשכדיקער אַרבעט. קורצע באַגריסונגען האָבן געהאַלטן: ליפשיץ, זיידאָרף, פינקוס, פרענקעל, שרה פייפערמאַן, דער אַקטיווער טוער פון יידישן קולטור קאָנגרעס און געוועזענער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, לעבענדיקער. פרוי סאָניע מימון האָט אויפגעמישט זכרונות פון זייערע ביידנס אַמאָליקע צוזאַמענאַרבעטן אינעם

„משה העס״-צענטער. די פרוי נטע האָט אין פּאַסיקע ווער-טער מיט אַ צוגעפּאַסטן משל, אויפגעקלערט די באַדײַטונג פון עניוות, וואָס איז באמת פאַרקערפּערט אינעם עסקן קאָפּל. פּיינלאַנד האָט אָנגעוויזן אין זיין באַגריסונג, אַז ביי דעם טיש געפינען זיך די רעשטלעך פונעם גלאָררײַכן פּוילישן יידנטום און די היינטיקע באַערונג פאַר קאָפּלען, איז אַ דערמאָנונג פאַרן אומגעקומענעם דריטל פונעם אייראָפּעישן יידנטום.

צום סוף איז פאַרבעטען געוואָרן צום וואָרט דער פאַר-זענלעכער פריינט פונעם באַערטן, מרדכי קויפמאַן, וועלכער האָט געגעבן אַ לענגערע און טרעפלעכע אָפּשאַצונג פונעם בעל-היובל, אַרויסהייבנדיק זיינע מענטשלעכע און חברישע מידות און מעלות טובות.

נאָכן אָנצינדן דאָס ליכטל, פאַרבונדן מיטן געבוירין-יאָר, האָט דער בעל-היובל געהאַלטן אַ באמת אויסגעצייכנטן רע-פעראַט, אָנווייזנדיק, ווו זיין וויגעלע איז געשטאַנען, און וועל-כער יידיש-גייסטיקער אַטמאָספערע ער האָט זיך דערצויגן. מען האָט אין יעדעס וואָרט זיינעם געזען אַ בילד פון יענע האַרציקע יידן, וואָס זיינען גרייט צו העלפן אַ צווייטן, צו לינדערן דחקות, פּרנסה, צו געבן טרייסט און הילף פאַר נויט-באַדערפטיקע.

ביי אַ געהויבענער שטימונג איז די גייסטרייכע און אומ-פאַרגעסלעכע מסיבה פאַרענדיקט געוואָרן מיט עטלעכע פּרעכ-טיקע געזאַנגען פון פרוי פייפערמאַן, וואָס האָט באַקומען אַן אויפריכטן יישר-כוח.

## דאָס לובלינער אייניקל דנה פרידמאַן

„משואה״ — לזכר די ציוניסטישע יוגנט-באַוועגונגען אין דער שואה און ווידערשטאַנד און פונעם אינסטיטוט פון שואה-לימודים אין קיבוץ תל-יצחק, האָט דעם 25סטן יוני 1987 פאַרטיילט די יערלעכע סטיפּענדיעס פאַר גימנאַזיע-שילער און שילערינס, וואָס ווידמען זייערע לימודים אויף דער טעמע פון אומקום און ווידערשטאַנד. צווישן די פּרעמירטע קינדער, האָט זיך אויך געפינען אונדזער דנה פרידמאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע, אויספירלעכע אַרבעט וועגן דער יידי-שער לובלין, אין די ראַמען פון אירע מאַטורע-עקזאַמענס (פאַר דעם איז זי באַזונדערס אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער שבח לעוונשטיין סטיפּענדיע דורכן לובלינער קאָמיטעט — זע זייט 22).

אויף דער פייערונג פון „משואה״, איז אַרויסגעטרעטן איר פאַרזיצער משה קול, געוו. מיניסטער; דער העברעישער שרייבער אהרון מגד און דנה פרידמאַן אין נאָמען פון די פּרעמירטע.

## אסתר און גדליהו פישמאַן

דעם 25סטן אָקטאָבער ה.י., איז אין לאָס-אַנזשעלעס פאַרגעקומען אַ פייערלעכער „דינער״-באַל פון דער „בני-ציון״ אַרגאַניזאַציע אין שטאָט לכבוד אונדזער בן-עיר און נדבן גדליהו פישמאַן און זיין פרוי אסתר. די שמחה איז לרוב געווען אַ „לובלינערישע״, ווי דאָס האָט אַרויסגעברענגט אין זיין באַגריסונג-רעדע דער גאַסט-רעדנער הרב כהן, וואָס האָט געלויבט די פיש-מאַנס פאַר זייער מתנה (טויזנטער דאָלאַרן) פאַר דער „בני-ציון״-היים אין ראש-העין (ישראל) פאַר צוריק-געשטאַנענע קינדער. דער רעדנער האָט אונטערגע-שטראָכן, אַז די באַשיידנקייט פונעם פאַרפּאָלק פישמאַן איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פאַרגעלייגט אַנ-צורופן דעם אַנשטאַלט אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין — און נישט אויף זייער פּערזענלעכן נאָמען.

צווישן די הונדערטער געסט אויפן זאַל, האָבן די צוויי טישן, אַרומגעזעצט מיט לובלינער יידן אין לאָס-אַנזשעלעס, זיך באַזונדער אויסגעצייכנט מיט זייער יום-טובדיקייט און דערהויבנקייט.

אומגעריכט האָב איך באַקומען אַ וואָרט, ווי דער פאַרשטעער פון לובלינער יידן אין לאָס-אַנזשעלעס, וואָס האָט ביי אונדזערע לאַנדסלייט אַרויסגערופן אַ סך צו-פרידנקייט. איך האָב דעם פאַרזאַמלטן עולם דערציילט, ווי גדליהו פישמאַן און איך האָבן אין די ימים-נוראים געדאַוונט אין דער מהר״ם-שיל אין לובלין, ווו מיין גאַטצעליקער פאָטער איז דאָרט געווען חזן במשך 40 יאָר. אַלס קינדער, זענען מיר מיט אונדזערע עלטערן געקומען מתפלל זיין אין די שבתים און יום-טוב טעג און אפשר אַ דאַנק די דאָזיקע תפילות, האָבן מיר ביידע זוכה געווען צו געפינען זיך אויף דעם זאַל — גדליהו ווי אַ גרויסער בעל-צדקה און איך ווי אַ גאַסט.

די פישמאַנס צייכענען זיך אויס אַלע יאָרן מיט זייער ברייטהאַרציקייט און „אָפענער האַנט״ פאַר יש-ראַלדיקע צוועקן, ווי דאָס שענקען דעם „מגן דוד אדום״ אַן אַמבולאַנס און איינקויף פון 20 אינוואַלידן-וועגעלעך פאַרן „אילן״ אין רמת-גן (ווי ס׳איז שוין געווען באַ-שריבן אין „קול לובלין״). סיי אויפן אַמבולאַנס, ווי ביים אַריינגאַנג אינעם ספּאָרט-אַנשטאַלט פאַר אינוואַ-לידן, האָט אונדזער בן-עיר געזאָרגט דערפאַר, אַז אומעטום זאָל זיך געפינען די אויפשריפט „לזכר קדושי לובלין״.

לובלינער יידן אין דער וועלט, מעגן זיין שטאָלץ מיט אסתר און גדליהו פישמאַן.

(**ישראל אייזנבערג**, ל. אַנזשעלעס)

## די פילאַנטראָפּן לובאַ און משה קאָרן

### א. לטובת בלינדע קינדער

אויך אין יאָר 1987, דעם 15טן אַפּריל, האָבן לובאַ און משה קאָרן איינגעאָרדנט די טראַדיציאָנעלע אויפנאַמע פאַר טוריסטן אין „הילטאָן״-האָטעל אין תל-אביב, פאַרבונדן מיט אַ קאַמפּיין לטובת דער „געזעלשאַפט פאַרן בלינדן, געגרינ-דעט פון אירמאַ ראַו״.

נאָך דער באַגריסונג (אין ענגליש) פון לובאַ קאָרן, האָט פרוי מרים לאור אויפגעקלערט די אויפגאַבן און אויפטוען פון דער געזעלשאַפט. דער באַרימטער יידישער אַקטיאָר יעקב באָדאָ האָט במשך אַ שעה פאַרווײַלט דעם עולם מיט זיין רייכן פּראָגראַם, דורכגעפלאָכטן מיט אַ סך הומאָר, געזאַנג

און סקעטשן. אגב, זיין אויפטריט איז געווען אַ פרייוויליקער, לטובת די בלינדע.

רירנדיק ביז טרערן, האָט דער עולם אויסגעהערט די מעלאָדיעס „אויפן וועג שטייט אַ בוים", „מיין שטעטעלע בעלז" און „אויפן פריפעטשיק", וועלכע ס'האָט אויף אַן עלעקטרישן אָרגאַן אויסגעשפּילט דאָס 12־יאָריקע, בלינדע מיידל טלי. און די 13־יאָריקע אורית האָט האַרציק אויסגעזינגען ישראלדיקע לידער. צום סוף איז געוויזן געוואָרן אַ ווידעאָ־פילם וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן פון די בלינדע קינדער — ביים עסן, ספּאָרט, קאָמפּיוטאָר און לימודים.

די זאַמלונג אויפן אָרט האָט איינגעבראַכט 17 טויזנט דאָלאַר לטובת די בלינדע קינדער אין ישראל.

**ב. קינדערגאָרטן אין כפר גדעון**

מיטוואָך, דעם 22סטן אַפּריל 1987, איז אַ פול־געפּאַקטער אויטאָבוס און מיניבוס מיט צענדליקער לובלינער יידן און קרובים פון לובאַ און משה קאָרן, אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב אינעם רעליגיעזן מושב כפר גדעון, 3 קילאָמעטער צפונדיק פון עפולה, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית פון אַ קינדער־היים א. נ. פון די עלטערן פון לובאַ און משה. אין דער עקסקורסיע האָבן זיך אויך באַטייליקט פיל לובלינער געסט פון אויסלאַנד.

נאָך דער דערעפענונג פון ש. גראָס, געוו. כנסת־דעפּוטאַט, האָבן באַגריסט די שפּענדערס און די געסט: הרב שרגא גראָסבאַרד, הרב י. מ. אַבראַמאָוויטש, הרב שמואל וויינבערג, אליעזר גביר (פאָרזיצער פונעם אָרטיקן ראַט), ה' ענגלענדער, דער שרייבער יחיאל גראַנאַטשטיין און פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל — דוד שטאָקפיש. נאָך דעם אַרויסטריט פון משה קאָרן, האָט ער און זיין פרוי לובאַ אַנטהילט דעם מעשענעם פּלאַג מיט פאָלגנדיקן אויפשריפט:

**גן הילדים הוקם בתרומת לובה ומשה קורן לזכר הוריהם: הרב מנחם בינם קוצקר ורעייתו פרידה — לובלין ור' שלמה אריה (לייב) הורן ורעיתו שיינדל — שלישטש.**

תשמ"ז 1987

צום סוף האָט דאָס קליינוואַרג פון קינדערגאָרטן, וואָס האָט ענדלעך באַקומען אַן אייגענע, לייטישע היים, אויפגענומען די געסט מיט געזאַנג און שפּילערייען.

*

וועגן די אויפטוען פון דער „אירמאַ ראו־געזעלשאַפט", זענען אין „פאָלק און ציון" צוויי־חודש אויסגאַבע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין „ישראל־שטימע", צוויי־וואָכנשריפט פון מפ"ם, דערשינען דער מאמר פון דוד שטאָקפיש „העלף אונדז צו העלפן אַנדערע" (וועגן פּראָבלעמען פון בלינדע אין ישראל), פון וועלכן מיר ברענגען נאָר אַ קליינעם פראַגמענט:

אַלץ איז זיך צונויפגעפאַלן אין איין וואָך: אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פונעם פאַרבאַנד פון די ישראלדיקע בלינדע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ששת"; אַ בריוו פונעם יידישן ברייל־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק וועגן דערשינענע ביכער אין יידיש — מיט ברייל־שריפט; אַ צופעליקער צוזאַמענטרעף מיט די פרויען מרים ליאור און לובאַ קאָרן, פון דער „געזעלשאַפט פאַר בלינדע, עטאַבלירט פון אירמאַ ראו". אַזעלכע דריי פּאַסירונגען במשך עטלעכע טעג, גיבן אינספּיראַציע און מאָטיוואַציע צו באַשעפטיקן זיך אויך מיט אַזאַ אומגעוויינלעכער טעמע, ווי... בלינדע אין ישראל, ווייל יעדער פון אונדז האָט דאָך גאָר אַ באַזונדער געפיל און באַציונג צו די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן, אויף וועלכע די פינצטערע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף שטענדיק.

נאָר ווו שטייט געשריבן, אַז אויף שטענדיק? — אַמאָליקע צייטן איז טאַקע אַזוי געווען — סיידן אַ נס, וואָס האָט זעלטן געמאַכט אַ בלינדן זעעוודיק. אָבער היינט, אַ דאַנק דעם טעכנאָלאָגישן פאָרשריט און מאָדערנער מעדיצין, איז מעגלעך טיילווייז אָדער אינגאַנצן עפענען די אויגן ביי די, וואָס זענען, לא עלינו, געשלאָגן געוואָרן מיט דעם אומגליק. פאַראַן אָבער אַ פּראָבלעם: די אַלע נייע, עפעקטיווע מכשירים צו פאַרלייכטערן דעם בלינדן אַרויסצוגיין פון דער פינצטערניש — קאָסטן געלט, אַ סך געלט. און כדי עס איינצושאַפן, דאַרף מען ביי פיל מענטשן עפענען פריער די הערצער (און טשעקן־ביכלעך), וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם נישט־זעעוודיקן צו דערזען די ליכטיקע שיין.

איז פאַר מיר געווען אַ נישט קליינע איבעראַשונג, ווען די צוויי דערמאָנטע פרויען האָבן עפּעס־וואָס דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון דער „אירמאַ ראו־געזעלשאַפט", ווו וואָלונטאַרע אַרבעט צו העלפן דעם בלינדן, ווערט אַדורכגעפירט מיט אַ סך זאָרג, מסירת־נפש און טאַקע אויך — מיט דערפּאָלג.

אין ישראל לעבן היינט טויזנטער בלינדע און שווער־זעעוודיקע זויגלינגען, קינדער, יוגנטלעכע, דערוואַקסענע און אַלטע לייט. נאָר אַ גאָר אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט שענקט די דערמאָנטע געזעלשאַפט די בלינדע קינדער און די וואָס זייער זעקראַפט איז אָפּגעשוואַכט. די צוריק־באַקומענע זעעוודיקייט דערמעגלעכט צו לערנען אין אַ נאָרמאַלער שול, באַזאַמען מיט נאָרמאַלע קינדער. ס'האָט גענומען אַ סוף צום סיסטעם פון האַלטן בלינדע קינדער אין ספּעציעלע פאַר זיי שולן.

דער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס מען באַזאָרגט זיי מיט פאַרשידענע כלים, ספּאָרט־מכשירים, געהילף־לעקציעס און לימודים אויף מוזיק־אינסטרומענטן. נאָר פאַר אַלעמען ווערן זיי באַשאָנקען מיט קאָמפּיוטאָרס, וועלכע טייטשן אויס דעם ברייל. דער נייער אינסטרומענט („אָפּטאָקאָן"), דערמעגלעכט דעם בלינדן אַ נאָרמאַל לייענען. פאַראַן אויך אַ מכשיר, וואָס פאַרגרעסערט 60 מאָל די טעלעוויזיע־בילדער פאַר די מיט אַ גאָר שוואַכע ראיה.

פאַר שילערס מיט צוריק־באַקומענע אָפענע אויגן, איז שוין נישט קיין פּראָבלעם אַנצוקומען אין גימנאַזיע און אוניווערסיטעט, וועלכן אַ טייל ענדיקן מיט אויסצייכענונגען.

דאַ־נישט־לאַנג האָט מען געשיקט קיין באָסטאָן, פאַר. שטאַטן, אַ 14־יאָריק יינגל מיט זיינע עלטערן, אויף אַן אָפּעראַציע וואָס האָט אָפּגעקאָסט 10 טויזנט דאָלאַר — און דאָס קינד איז געוואָרן זעעוודיק. שוין געווען עטלעכע אַזעלכע פאַלן.

אויף מיין פראַגע, ווו מ'נעמט געלט, קומט אַן ענטפער, אַז גוטהאַרציקע מענטשן אין לאַנד און אין אויסלאַנד קאַרגן נישט קיין באַשטייערונגען. דאַ־נישט־לאַנג האָט מען געשאָנ־

קען 10 טויזנט שווייצאַרישע פראַנק. אויך פראַנקרייך, אַמע־ריקע, דרום־אַפריקע זענען נישט הינטערשטעליק. אַ בכבודיק אָרט פון אַליין געבן און אויך זאַמלען ביי אַנדערע, פאַרנע־מען לובאַ און משה קאָרן. אויב פאַרמעגלעכע מענטשן זענען נישט געשלאָגן מיט בלינדקייט (און פאַרבלענדקייט), ווייסן זיי יאָ וועמען צו געבן ביים לעבן און פאַר וועמען איבער־לאָזן צוואות נאָכן טויט.

## די בינע־קינסטלערין צפורה שפייזמאַן

דאָס ערנסטע יידישע טעאַטער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, די „פאָלקסבינע", האָט געפייערט איר 70סטן עק־זיסטענץ־יאָר. „מיין וועג צו דער פאָלקסבינע", הייסט דאָס אַרטיקל, וואָס אונדזער בת־עיר צפורה שפייזמאַן האָט אָנגע־שריבן אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע לכבוד דער יובליי־דאַטע — און מיר ברענגען דעם מאמר אין אַ געקירצטער פאָרם.

פון דער דערמאָנטער אויסגאַבע דערוויסן מיר זיך אויך, אַז איר מאַן, דער טייערער לובלינער ייד יוסף שפייזמאַן איז במשך פינף יאָר געווען דער „פאָלקסבינע"־פאַרוואַלטער. אונטער זיין פירערשאַפט זענען געוואָרן אויפגעפירט עטלעכע זייער שיינע פאַרשטעלונגען, און איינע פון די דערפאָלגרייכע איז געווען די פּיעסע „פרינץ ראובני" פון דוד בערגלסאָן. ס'איז געווען אַ גרויסער פּערסאָנאַל מיט שיינע קאָסטיומען און שיינע דעקאָראַציעס. מיט דער אויפפירונג פון „פרינץ ראובני" איז צוגעקומען נאָך אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער „פאָלקסבינע".

מיר געפינען דאָרט אַ גאַנצע ריי באַגריסונגען פון יידי־שע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און צווישן זיי — פון „מסדה", מיטן אונטערשריפט פון איר פאַרזיצער און אונדזער בן־עיר — שלמה זינשטיין.

צפורה שפייזמאַן האָט באַקומען די פּרעסטיזשפולע, אַר־טיסטישע „אָבי"־אויסצייכענונג אַלס אָנערקענונג פאַר איר לאַנגיאָריקער בינע־טעטיקייט, ווי אויך די גאָלדפאַדן־פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס.

און איצט — איר דערמאָנטער אַרטיקל „מיין וועג צו דער פאָלקסבינע":

ס'איז געווען אין יאָר 1955; איך בין געקומען צו אַ שלוס־פאַרזאַמלונג פון דער פאָלקסבינע וואָס איז פאָרגעקו־מען אין אַ שיינעם האָטעל־צימער ביי געדעקטע טישן, און עס זענען אָנוועזנד געווען בערך 55 שוישפּילערס.

איך האָב געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע צום פאָלקסבינע־קאָלעקטיוו פון דעם טעאַטער־רעזשיסער חבר פערענסאָן, בין איך געזעסן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און געהאָפט אַז איך וועל ווערן אַריינגענומען אין פאָלקסבינע־קאָלעקטיוו.

מ'האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און געבעטן קו־מען צו אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע די קומענדיקע וואָך.

איך האָב אין פוילן געהאַט פאַרענדיקט אַ דראַמאַטישע שול און אויך געשפּילט טעאַטער נאָך פאַרן צווייטן וועלט־קריג און בעתן קריג האָבן איך אויף מיין וואַנדער־וועג אויך געשפּילט אין רוסלאַנד, און שפּעטער אין פּאַריז און מאָנט־רעאַל.

ווען איך בין געקומען צו דער עקזעקוטיוו־זיצונג, האָט מען מיך אויסגעהערט און געגעבן צו פאַרשטיין די פינף „געבאָטן" פון דער פאָלקסבינע:

א. „די פאָלקסבינע" איז אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער און די שוישפּילערס קריגן נישט באַצאָלט.

ב. זייענדיק אַ מיטגליד פון דער פאָלקסבינע, קען איך ניט אויפטרעטן ערגעץ אַנדערש אָן אַ דערלויבעניש.

ג. צו טעאַטער־פּראָבעס מוז מען קומען פּינקטלעך אין צייט.

ד. בלויז דער רעזשיסער פאַרטיילט די ראָלעס.

ה. די פּראָבעס הויבן זיך אָן זיבן אַ זייגער אין אָוונט און ענדיקן זיך בערך צוועלף ביינאַכט.



**צפורה שפייזמאַן אין דער פאַרשטעלונג „פאַרבליבן איז דער ניגון", לויט י.ל. פּרץ.**

דער פאַרזיצער חבר האָלץ האָט צום סוף מיר געזאָגט: אויב איך פיל זיך בכוח דאָס אַלץ דורכצופירן וועל איך אַריינגענומען ווערן אין דער פאָלקסבינע. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב דאָס אַלץ מיט פרייד אָנגענומען.

דעם קומענדיקן סעזאָן אין 1956 האָט מען מיך געבעטן קומען און איך האָב געקראָגן אַ ראָלע אין דער פּיעסע „די איינזאַמע שיף" פון מ. דלוזשנאָווסקי. דערנאָך האָב איך שוין אויך געשפּילט „אין מיין טאַטנס בית־דין שטוב" פון י. באַשעוויס־זינגער.

ווער קען עס פאַרגעסן די אָוונטן בעת מיר זענען גע־זעסן און געלייענט אַ פּיעסע און שפּעטער אַרומגערעדט די פּערזאָנען פון דער פּיעסע? דאָס זענען אַלץ געווען אָוונטן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. מיר זיינען אָבער געזעסן און לגמרי נישט געטראַכט אַז מ'דאַרף באַלד אויפשטיין און צו־ריקגיין צו דער טעגלעכער פּראַצע.

אָט אַזוי זיינען שוין אַוועק גאַנצע 28 יאָר אַז איך בין פאַרבונדן מיט דער פאָלקסבינע. איך באַטראַכט זיי ווי מיינע שענסטע יאָרן וואָס איך האָב פאַרבראַכט סיי מיטן קאָלעק־טיוו, סיי מיטן רעזשיסער.

ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט גיב איך מיין דאַנק צו דער פאָלקסבינע פאַרן געבן מיר די מעגלעכקייט צו

שפּילן אין די מערסטע אויפפירונגען. איך טייל זיך מיט די דערגרייכונגען מיינע פאַרן באַקומען אַן „אָובי״ און שפּילן אין דער פּיעסע „סטעמפּעניו״ און אויך פאַר דער אַנערקע־נונג אין „שאָו־ביזנעס״.

מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט אונדזערע כשר־פאַרדינטע דערגרייכונגען. צו אונדזער יובל פון זיבעציק יאָר, וויל איך אויסדריקן מיין ווונטש אַז דער קיום פון אונדזער פאָלקס־בינע און פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע בכלל וועט נאָך זיין געזיכערט אַ סך יאָרן.

## דער רעדאַקטאָר דוד שטאָקפיש

דעם 12טן דעצעמבער 1986, איז אין בית לייוויק אין תל־אביב פאָרגעקומען די זיבעטע פאַרטיילונג פונעם ליטע־ראַטור־פּרייז א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט פאַר די פען־מענטשן גבריאל וייסמאַן, זיאַמע פעדער און דוד שטאָק־פיש. אין די מאָטיוון פון דער זשורי, געלייענט פונעם דיכ־טער און עסייאיסט שלמה וואָרזאָגער וועגן אונדזער בן־עיר, ווערט געזאָגט:

דוד שטאָקפיש, אַ זשורנאַליסט, אָפענע אויגן, אַ וואַרעם האַרץ, אַ קלאָרן זינען און — ריינע הענט... זיין טעמאַטיק: אַלגעמיינע פּראָבלעמען. גרעסערע און קלענערע געשעענישן פון פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און מדינה־כאַראַקטער. מדי־נת ישראל און די תפוצות. חורבן און חורבן־ליטעראַטור. קולטור־פּראַגעס פון לאָקאַלן און אויך פון ברייטערן אויס־מעסט.

שטאָקפיש איז מיט זיין קולטור־ליטעראַריש־געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט, אויך אפשר און אָן אַן „אויך״ — איינער פון די אָנפירערס, אַקטיווער טוער, אַ חבר פון אַ ציוו־ניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין יסוד־לייגן און אין אויפבוי פון מדינת ישראל.

העכער פינף און דרייסיק יאָר — אויך ביזן קומען אין לאַנד — ווידמעט ער זיך בלב ונפש דער דאָזיקער זאַך. קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז זיין ביאָגראַפיע איז די ביאָגראַפיע



אויף דער „גאָלדענער חתונה״ פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש אין תל־אביב. אַ טייל פון די געסט פון אויסלאַנד: זיצן, פון לינקס: גענִיע און שמואל שפּיראַ, באַלטשע און ישראל אייזנ־בערג. עס שטייען: בראָניע עקהאַוס, טעשקע קאַרמאַן־פּאַר־שפּעטער, נחמן גורפינקעל און משה וואַסאַנג.



לובלינער געסט פון אויסלאַנד אויף אַ פּריוואַטער אויפנאַמע אין דער וווינונג פון דער פאַמיליע שטאָקפיש אין רמת־גן. שטייען פון רעכטס: מינטשע יאַקובאָוויטש, משה זאַלצמאַן, בראָניע עקהאַוס, לובא קאַרן, רבקהלע שטאָקפיש, פאַני און פישל ראָזענבוש, משה קאַרן, ישראל און באַלטשע אייזענבערג, פעסאַלע מושקאַט. זיצן, פון רעכטס: אסתר און גדליהו פישמאַן, מישאַ עקהאַוס. (צופוסנס) מאָטל דינער, שלמה מושקאַט, דוד שטאָקפיש.

פון אַ באַוועגונג פון אַ לאַנגער היסטאָרישער טעטיקייט אויפן געביט פון ציוניזם — אויף אַ רעכטן אמת — יידישיזם און נאָך „איזמס״, וואָס ס׳איז אַצינד נישט צו דערמאָנען, אָבער זענען צו יענער צייט אויך ביי אים געווען אַ זאַך פון ר ע כ ט ן  א מ ת. — אגב, נעמען זיי גאָרנישט אַראָפּ פון דער חשיבות און פון דער אויפטוערישקייט אויף די דאָ אויס־גערעכנטע געביטן.

מיט דריי יאָר צוריק האָט שטאָקפיש אַרויסגעגעבן אַ בוך. אַ וואָגיק בוך נישט נאָר מחמת די קנאַפּע אַכט הונדערט זייטן, נאָר טאַקע און בעיקר, מחמת דער וואָגיקייט און וויכ־טיקייט פון די מאמרים פון ברייטער פאַרנעמיקייט.

שטאָקפיש האָט צו זיין מיטגעבוירענער פעיקייט צו זען זאַכן אין זייער אמתער ליכט, אויך דעראָבערט די קינסטלע־רישע יכולת און דעם חוש פון דערגרונטעווען זיך צום שורש פון זאַכן. עס דינט אים דערצו זיין שאַרף אויג, דער שכל־הישר, זיין פּאָליטישע השקפה און די מידה פון גערעכטיקייט.

אָט־די דאָזיקע עלעמענטן זענען ביי אים געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אַ צווייטע נאַטור אין זיין אומדערמידלעכער גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דוד שטאָקפיש האָט אויך אַן אויער פאַר אַ גוט ליד, אַ שיינע דערציילונג. ער איז רעדאַקטאָר פון אַ צוואַנציק יזכור־ביכער. נישט נאָר קאָרעגירט און רעדאַקטירט, נאָר אויך זיין שרייבערישן חותם געלייגט אויף זיי.

אויך איבערגעזעצט פון עברית אין יידיש עטלעכע בי־כער.

היינט צו־טאָג איז דוד שטאָקפיש רעדאַקטאָר פון דער צווייוואָכנשריפט „די ישראל שטימע״.

פאַר אָט־די פאַרדינסטן פאַרן יידישן וואָרט האָט די זשורי באַשלאָסן צוטיילן אים דעם ליטעראַטור פּרייז א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט פאַרן יאָר 1986.

די זשורי: הירש אָשעראָוויטש, שלמה וואָרזאָגער, מרדכי צאַנין.

# חלומות שהתגשמו

ברוניה פרידמן־רחמן

כשפרצה מלחמת העולם השניה ב־1939 ברחתי עם משפחתי לרוסיה.

ברוסיה נפטרה אחותי הקטנה הלינקה.

חזרנו ללובלין אחרי המלחמה רק שלושה.

זמן קצר לאחר שחזרנו ללובלין נפטרה גם אמי ע״ה ונקברה בבית־העלמין ה־חדש.

כעבור זמן קצר עזבנו את לובלין ול־אחר דרך ארוכה עלינו ארצה.

השארנו בלובלין את כל רכושנו, וה־יקר מכל — את קבר אמי בבית־העלמין.

במשך כל אותן השנים שחלפו העיקה עלי המחשבה שאמי לא זכתה למצבה בנויה.

להקים מצבה במדינה שאיננה מקיימת יחסים עם ישראל ואינה מוציאה ויזה לבודדים להכנס לתחומה — אינה משימה פשוטה.

למזלי הזדמן לי להכיר אדם מופלא בשם ד״ר שמחה בינם וייס המתגורר ב־ורשה שהבטיח לעזור לי בביצוע המ־שימה.

וכך היו פני הדברים:

ד״ר וייס ביקש וקיבל רשיון להקמתה של המצבה והזמין את המצבה לפי התוכ־נית שבני תיכנן וכתב. המצבה הובטחה לנו לתאריך 1.7.87, לפיכך נרשמנו לטיול מאורגן לפולין ל־12 יום.

והכל הוכן כמובטח לתאריך הזה.

ביום שהגענו נפגשנו עם ד״ר וייס.

באותו יום העמיסו את האבנים וה־חומרים הדרושים ליציקת יסוד המצבה על משאית.

למחרת בבוקר יצאנו עם ד״ר וייס מוורשה ללובלין.

בבית הקברות פגשנו את מר יוסף הניג, האחראי על בתי־הקברות בלוב־לין ואצלו נמצאים המפתחות לשערי בתי־הקברות.

לאחר שיחה קצרה עם מר הניג ולאחר שהתבונן בתמונות המשפחה מאותם ה־ימים, התברר שהוא השתתף בהלווית אמי ז״ל ונודעו לי באמצעותו פרטים נוספים על ההלוויה ומשתתפיה שלא היו ידועים לי (בזמן פטירת אמי הייתי בת 12).

ניגשתי למקום בו זכרתי את קבר אמי ולאחר שעקרנו בידים את הקוצים והחרול שגדלו לגובה של מטר ויותר, מצאתי את הקבר.

לאחר שמר הניג אישר גם הוא בודאות את המקום החלו הפועלים בהכנת היסוד למצבה.

לאחרונה אף הוקמה גדר חדשה מ־סביב לבית־הקברות החדש מבטון וברזל. זו אחת היוזמות של ד״ר וייס בעזרת מימון של ממשלת פולין.

מבית־העלמין יצאנו בהדרכת ד״ר וייס לביקור בלובלין היהודית.

המקום הראשון היה בנין ישיבת „חכמי לובלין" שהוקמה ב־1930 ושם לומדים כיום סטודנטים פולניים ביולוגיה, בשם: „קולגיום מיו".

הדבר היחיד המזכיר את מה שהיה קודם הוא לוח שיש קטן על הקיר מצדו השמאלי של הבנין. משם יצאנו לבית־החולים היהודי לשעבר, הפועל כיום כבית יולדות. גם בו מצאתי לוחית קטנה המזכירה את העבר היהודי.

המשכנו לשוק לשעבר ברחוב סבינ־טודוסקה, מקום בו היו אוספים את ה־יהודים לפני שליחותם למחנה־ההשמדה.

השוק הפך לכיכר ומסביב עצים וספ־סלים ובמרכזו נמצאת אנדרטה לזכר ה־יהודים שהושמדו, מלובלין והעיירות שב־סביבה. לדעתי, כל תייר יהודי המבקר בלובלין חייב לבקר במקום הזה.

כמובן, שהלכנו לבקר את בית־העלמין הישן בלובלין, שמזה 200 שנה לא פעיל.

ד״ר שמחה בינם וייס עוסק בגילוי המצבות העתיקות והצבתן מחדש.

ביקרנו ליד המצבה של החוזה מלובלין.

בשעות הערב המאוחרות חזרנו לורשה.

ביום השלישי של הטיול הגענו עם יתר משתתפי הטיול ללובלין. למחרת, לאחר ביקור במיידנק, למרות שהיינו צריכים להמשיך לקרקוב. הקבוצה הצ־טרפה אלינו לבית־הקברות לטקס גלוי המצבה.

ד״ר וייס הכין לנו הפתעה: כל הקו־צים בבית־הקברות קוצצו והמקום קיבל מראה חדש.

אפשר היה לראות כמעט את כל הקברים והמצבות שחלקן שבורות.

התאספנו כל החברים מקבוצה בתוספת תייר צעיר מאוסטרליה שרצה להשתתף בטקס. התפללנו לעילוי נשמת אמי ז״ל ובעלי אמר קדיש יתום.

לאחר האזכרה וגילוי המצבה הרגשתי רווחה — מטרת הנסיעה לפולין הושגה.

ברצוני להודות לד״ר שמחה בינם וייס, למר יוסף הניג, לדוליק שניצר ולחברינו מהטיול שהשתתפו באזכרה לאמי.



גילוי המצבה על קברה של הגברת רחמן ז״ל, בבית הקברות בלובלין, בחודש יולי 1987.

# בריוו • באַריכטן • מיינונגען • גרוסן

• אַננאַ און הערי פּרוכטמאַן, ניו־יאָרק

די אַרבעט אין אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט גייט נישט מיט דעם טעמפּאָ, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. אייניקע לאַנדסלייט האָבן פאַרלאָזט ניו־יאָרק און זיך איבערגעצויגן קיין פלאָרידאַ און אַ טייל איז, צום באַדויערן, אַוועק אויפן עולם האמת. אונדזער בית־הקברות פאַרפולט זיך.

מיר האָבן באַשטעלט אַ טויער ביים אַריינגאַנג צום מאָנומענט לזכר די לובלינער קדושים. מיר גרייטן זיך צו דער יערלעכער אזכרה און וועלן צושיקן אַ באַזונדערן באַריכט.

דער לעצטער נומער „קול לובלין" איז מיט אַ רייכן אינהאַלט און ידיעות פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט. מיר פאָלגן נאָך די געשעענישן אין ישראל און ווינטשן אונדזער מדינה אַ סטאַבילן שלום.

בייגעלייגט אַ טשעק פאַרן זשורנאַל און מיר גלויבן צו באַזוכן דאָס לאַנד צום 40סטן יום העצמאות.

נאָר וואָס דערהאַלטן אייער צירקולאַר. די שמחה פון פייערן דעם 40סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל, איז אויך אונדזער שמחה דאָ, אין אַמעריקע. מיר האָפן צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע לאַנדסלייט און פייערן מיט אייך צוזאַמען דעם גרויסן יום־טוב.

וועגן די אונטערנעמונגען אין לובלין צום 45סטן יאָרטאָג פון אומברענגען דאָס געטאָ, איז דער רוב נישט פאַראינטערעסירט צו פאָרן, ווייל ס'איז שווער צו פאַרגעבן די פּאָלאַקן זייער מיטאַרבעט און מיטהילף די דייטשן אין מאָרדן יידן. און ווי קאָן מען פאַרגעסן דעם קעלצער פּאָגראָם און רציחות פון יידן שוין נאָך דער מלחמה? נאָר איך זאָג נישט קיינעמען קיין דעה, זאָל יעדער טאָן ווי ער פאַרשטייט. איך אַליין האָב דאָך געלעבט אין דער אָקופּירטער פּוילן און געגנוג זיך אָנגעזען די פּויליש־דייטשע צוזאַמענאַרבעט.

אונדזערע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק טרעפן זיך פיר מאָל אין יאָר. מיר האָבן זייער אַ טיכטיקע סעקרעטאַרין, רעגינאַ מיטעלמאַן. מיר האָבן היי־יאָר אויפגעשטעלט אַ נייעם טויער ביים אַריינגאַנג צום בית־עולם, ווו עס געפינט זיך דער מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין. בייגעלייגט אַ בילד פון אונדזער צוזאַמענטרעף אויף דעם בית־הקברות.

אין לעצטן יאָר האָבן מיר פאַרלוירן צוויי טייערע לובלינער יידן: נ ח ו ם ג ר י ן און ש מ ו א ל פ אָ ג ע ל ג אַ ר ן.

כבוד זייער אָנדענק!

✶

• יוסף שפּייזמאַן, ניו־יאָרק

דער לעצטער נומער „קול לובלין" האָט אונדז געגעבן פרייד און טרויער. מיט געבויגענע קעפּ און טרערן אין די אויגן, האָבן מיר באַגלייט די פאַרשטאָרבענע לובלינער יידן, וואָס פון זיי האָט דערציילט אונדזער זשורנאַל. כבוד זייער אָנדענק!

איך אַרבעט איצט אין ביוראָ פון דער „פאָלקסבינע", וועלכע האָט זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען, ווי אַן ערנסט יידיש טעאַטער.

מיין צפורה האָט לעצטנס באַקומען די גאָלדפאַדן־פּרעמיע פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס פאַר אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען אויף דער יידישע בינע. ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַגריסן גיטעלע עדעל־שילדקרויט פאַרן באַקומען די פּרעסטיזשפולע אויסצייכענונג פון פאַריזער שטאָטראַט און אונדזער פאַרזיצער דוד שטאָקפיש פאַרן באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון לייב רובינליכט.

אין 1988 וועלן מיר אַלץ טאָן, כדי צו באַזוכן ישראל. בייגעלייגט אַ טשעק אויף 50 דאָלאַר.

✶

• קאָפּל מיזשריצקי, בוענאָס־איירעס

איך האָב דערהאַלטן 5 קאָפּיעס „קול לובלין", וואָס איז געווען צו ווייניק פאַר אונדזערע שטענדיקע אָפּנעמערס. נאָר גראָד האָבן ביי אונדז געוויילט מינטשע און מאָטל דינער מיט זייער זון פון סאַן־פּאולאָ און זיי האָבן צוגעזאָגט (און אויך געהאַלטן וואָרט!), אַז ווי נאָר זיי קומען צוריק קיין בראַזיל, שיקט מען אונדז איבער עטלעכע קאָפּיעס, וואָס זענען געבליבן. דער זשורנאַל איז גוט רעדאַגירט און איך האָב אים אַדורכגעלייענט פון ערשטן ביזן לעצטן זייטל.

ביי די לובלינער אין בוענאָס־איירעס איז געשען אַ פאַרפאַל גראָד אויף דער אזכרה. קוים צונויפגעזאַמלט אַ מנין, איז מאַנדלאַייל אַוועקגעפאַלן און מ'האָט געמוזט אים אָפּפירן אין שפּיטאָל. איצט געפינט ער זיך אין אַ סאַנאַטאָריע. די אזכרה איז שוין נישט פאָרגעקומען.

מיין ברודער דוד האָט זיך אומגעקערט פון ישראל אַ צופרידענער, ווייל ער האָט דאָרט אויך זיך געטראָפן מיט חברים און פריינד פון לובלין און ער בעט אין זיין נאָמען באַדאַנקען די אַלע, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן וואַרעמקייט און הכנסת־אורחים.

✶

• מאָטל גאַרטענקראַוט, מיאַמי

איך וויל האָפן, אַז מיין קורץ בריוול וועט אייך אַלע טרעפן ביים געזונט און מיר זאָלן הערן פון אייך גוטע נייעס.

אַ דאַנק פאַר דער שיינער אויסגאַבע „קול לובלין". אַ בן־עיר געפינט דאָרט אַלץ וואָס אים אינטערעסירט נאָך פון דער אַלטער היים — נאָסטאַלגיש, סענטימענטאַל און דער עיקר — גנזעלשאַפטלעך. מיר האָבן אין דער צייטונג אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס ס'איז געווען, וואָס ס'איז דאָ און וואָס ס'באַדאַרף צו זיין.

דאָס דערמאָנען די פאַרשטאָרבענע לובלינער יידן, איז זייער וויכטיק פאַר די פאַריתומטע משפחות און אויך פאַר די לאַנדסלייט אין דער וועלט. ווו נאָך וועט מען דערמאָנען די נפטרים, אויב נישט אין קיין אייגענער, היימישער צייטונג?

גייט ווייטער אָן מיט אייער אַרבעט, מיט אַ סך הצלחה.

✶

• יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס

חשובע לאַנדסלייט און פריינד! דער נומער 21 „קול לובלין" איז זייער באַלערנדיק און אינטערעסאַנט, אָבער אויך טראַגיש, ווען מ'לייענט וועגן אומקום פון די טויזנטער יידן, וואָס די מערדערישע דייטשן האָבן פריער באַרויבט זייערע פאַרמעגנס, דערנאָך דערנידעריקט, געפייניקט און אָנגעטאָן אַלערליי צרות, כדי שפּעטער זיי אומברענגען אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. די זכרונות פון מענדל ווייסמאַן האָבן אויף מיר באַזונדערס געווירקט, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ גוטער חבר פון מיין עלטערן ברודער.

איך וויל באַגריסן גיטעלע שילדקרויט פאַרן באַקומען די אויסצייכענונג פון פאַריזער שטאָטראַט און ווינטש איר דערפאָלג אין איר ווייטערדיקער טעטיקייט.

בייגעלייגט אַ טשעק אויף 60 דאָלאַר. איך ווינטש אַלע אונדזערע לובלינער יידן אין ישראל און אין דער וועלט — פיל געזונט און נחת.

✶

• רוזשקע און אברהם צווייקאָפּט, מאָנטרעאַל

אונדז פרייט זייער, וואָס אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, האָט זיך איינגעשטעלט שלום־בית און אַז איר גייט ווייטער אָן מיט אַקטיווער טעטיקייט לטובת אונדזער אָרגאַניזאַציע. דערהאַלטן דעם „קול לובלין", נאָר געהאַט אַ ביסל פאַרדרוס, וואָס

אונדזער באַשטייערונג ווערט נישט דערמאָנט אין דער רשימה פון די וואָס האָבן געשפּענדעט פאַרן ארגון יוצאי לובלין אין ישראל. פאַרן ווינטער־סעזאָן, ווען אַ גרויסער טייל לאַנדסלייט פאָרן אַרויס אין דער וואַרעמער מיאַמי אין פלאָרידאַ, האָבן מיר געהאַט אַ מיטינג, מיטן אָנטייל פון אַ באַדייטנדיקע צאָל לובלינער יידן.

מיר ווינטשן אייך כל טוב און מ׳זאָל הערן נאָר גוטע נייעס איינער פון צווייטן.

✶

## • נ. שמן, טאָראָנטאָ

זייער חשובער דוד שטאָקפיש, רעד. „קול לובלין".

דער לעצטער נומער (21) מאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק מיט זיין אינהאַלט: אויסוואַל פון אַרטיקלען; ידיעות און פאַרצייכענונגען וועגן לובלינער אין ישראל און בכל התפוצות. בלויז צו דערמאָנען איניקע: חנן פלמור׳ס „רגשות"; יאַן קאַספּערעקס „כראָניק..."; לייבל שיפער׳ס „באַגעגענישן אין דער באַפרייטער לובלין"; קוואַטערקאָ׳ס „שפּאַציר"; בנימין לובעלסקי׳ס „פון טשעכיוו קיין לובלין"; גרינבערגס „רבי צדוק הכהן מלובלין".

איך האָב אַ סך געשריבן וועגן רבי צדוק הכהן — גאָר באַזונדערס אין מיין ווערק „לובלין", אין „געזאַנג פון חסידות" — און מ׳קען תמיד עפּעס צוגעבן. דאָ רעדט זיך וועגן אַ מענטש, אַ יחיד בדורו... כ׳וויל בלויז אָנווייזן אויף אַ טעות: דער מהרי״ל איגר איז נפטר געוואָרן כ״ב שבט תרמ״ח, און ניט תרמ״ה, ווי ס׳איז געדרוקט.

די דאָקומענטן — „ועד ארבע ארצות"; דאָס שילדערן ישיבת חכמי לובלין און נאָך און נאָך — וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער דאָזיקער עיר ואם בישראל, וואָס איז אַ צייט געווען דער צענטער פון תורה, פון לומדות און פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. נהירין לי „שבילי דלובלין..." די גאַסן זענען מיר אַזוי נאָענט, אַזוי באַקאַנט, כ׳וואָלט נאָך איצט געקענט כאַפּן אַ שפּאַציר אויף לובאַרטאָווסקי, שעראָקע, נאַדסטאַוונע, אויפן „זאַמד", דעם וועג קיין טשעכיוו און די שילן פון מהרש״ל־מהר״ם, בית מדרש פּונעם „חוזה" און פון די אייגערס — ווער קען זיך אונטערנעמען אויסרעכענען די שטיבלעך, די מנינים?

ס׳איז זייער וויכטיק אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די לובלינער דורך „קול לובלין" אין ישראל. איך זע אַ באַריכט פון סעם ברייטער אין מאָנטרעאַל — ס׳קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער סעם איז אַ קרוב — און אפשר אַן אייניקל — פון יצחק ברייטער, מנהיג פון בראַסלאַווער חסידים אין פוילן. ער איז מיט אונדז געווען פאַרבונדן מחותנימשאַפט. ער האָט געלערנט מיט די אומאַנער חסידים די תורה פונעם בראַסלאַווער. אין ליקוטי מוהר״ן איז געדרוקט זיינס אַן אַרבעט — פּאָעטישע הערות צו רבי נחמנ׳ס חסידות און קבלה.

כ׳זע אַ באַריכט פון יוסף שנור, מעגלעך אַז ער איז אַ קרוב צו די שנורס אין שטעטל כאָדלע, לובלינער געגנט. אַ שנור פון דעם שטעטל — ישעיה — וווינט אין ירושלים.

ס׳איז געווען פאַר מיר אַ נחת־רוח די נייעס, אַז איר זייט באַערט געוואָרן מיט דער אויסצייכענונג „יקיר רמת־גן" — אַ לובלינער, אַ שרייבער, אַ רעדאַקטאָר, אַ מנהיג — באַקומט אַזאַ אויסצייכענונג, איז עס אַ שמחה ביי אַלע לובלינער — אַפילו פאַר די ניט־געבוירענע לובלינער. זאָלן מיינע ברכות זיין אַ צוגאָב צו די ווונטשן פון לובלינער און פון די הויפּטן פון רמת־גן: איר זאָלט ממשיך זיין מיט אייער שעפערישקייט און צוזאַמען דערמיט — געזונט און הצלחה.

בייגעלייגט, וועט איר געפינען אַן אַרטיקל פון נחמה פעק אין אַ היגער „אַנגלאָ־דזשואיש" זשורנאַל. זי שרייבט וועגן לובלין, אפשר כדאַי איבערדרוקן אין „קול לובלין".

מ׳האָט מיר געבראַכט אַן אַרטיקל פון יצחה הילדעסהיימער אין ירושלימער „ערב שבת" (ז׳ תשרי, תשמ״ז) — אַ סאָרט איבערזיכט וועגן מאַלגאָזשאַטאַ ניעזאַבוטאָווסקאַ. ס׳שאָקירט לייענען, וואָס ס׳איז געוואָרן פון דער לובלין, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגנט אין די בתי־מדרשים פון כהן און פון ר׳ שלמה איגר זצ״ל און ניט איינמאָל — אין בית־מדרש פון חברה נושאים. און איצט — ניטאָ קיין מנין, מ׳דאַרף מצרף זיין צום צענטן — אַ משומד?!

בדרישת שלום וכל טוב.

✶

## • בלומאַ און מאָטל טרייסטמאַן, מעלבורן

מיט גרויס פאַרגעניגן האָבן מיר געלייענט אונדזער זשורנאַל און דאָרט געפונען אַ סך באַלערנדיקן מאַטעריאַל. מיר האָבן אין אונדזער היים אַדורכגעפירט אַ זייער אינטערעסאַנטן אָוונט פאַר דער „לובלינער קאָלאָניע" אין מעלבורן און געוויזן די פילמען פון די צוזאַמענטרעפן און אונטערנעמונגען אין ישראל, וועלכע כ׳האָב אויפגענומען בעת אונדזער באַזוך אין לאַנד. דער עולם איז געווען זייער צופרידן, זיי האָבן געהאַט אַ טריי בילד פון די אַלע געשעענישן, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט די טעטיקייט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל און דער עיקר — די פרייד און איבערלעבונגען פון די געסט פון אויסלאַנד, ווען זיי באַזוכן די יידישע מדינה און טרעפן זיך מיט היימישע יידן.

אין פרילינג 1988, צום 40סטן יום העצמאות, וועלן מיר זיך באַמיען צו באַזוכן ישראל.

איך האָב באַקומען דאַנק־בריוו פון גיטעלע שילדקרויט פון פאַריז און פון ישראל אייזנבערג פון לאָס־אַנזשעלעס פאַר די צוגעשיקטע ווידעאָ־קאַסעטעס פון די לובלינער פייערונגען אין תל־אביב.

✶

## • סימאָן זיידנוועריג, ריאָ־דע־זשאַנעיראָ

טייערע לאַנדסלייט! צוליב דעם געזונטצושטאַנד פון מיין פרוי, האָב איך נישט געקאָנט הייַ־יאָר באַזוכן ישראל, הגם מיר האָבן זייער געוואָלט פאַרברענגען מיט אייך צוזאַמען. יעדע וויזיט אין לאַנד, האָט אונדז תמיד פאַרשאַפט אַ סך פרייד און פאַרגעניגן, שוין אָפּגערעדט פון די זכרונות פון לובלין.

מיין אייניקל וועט בקרוב חתונה האָבן אין בראַזיל מיט אַן אַמעריקאַנער יידיש מיידל. איר געדענקט אַוודאי, אַז זיין בר־מצווה האָבן מיר געפייערט אין ישראל. נאָך דער משפּחהדיקער שמחה, פאָרן מיר קיין מיאַמי און פון דאָרט, ווי נאָר דאָס געזונט וועט דינען, קומען מיר קיין ישראל.

בייגעלייגט אַ טשעק אויף 200 דאָלאַר.

מיר ווינטשן אייך כל טוב.

✶

## • ראובן ראָסעט, סאַן־פּאַולאָ

ביים לייענען דעם לעצטן נומער „קול לובלין", בין איך פּשוט געוואָרן צערודערט פון דער ידיעה, אַז אונדזער ליבער פריינד יוסף ראַכמאַן איז אַוועק אויפן עולם האמת. וואָס האָט פּאַסירט? ער האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטן. בעת מיין באַזוך אין ישראל, האָט ער גוט אויסגעזען און געטאָן אַלע אַרבעטן ווי ס׳געהער צו זיין. ער האָט אין לעצטן יאָר אַפילו טעלעפאָנירט צו מיר 2 מאָל קיין בראַזיל וועגן אַ בשותפותדיקן ענין. דער געדאַנק האָט ביי אים געאַרבעט, ווי ביי אַ יונגן מענטש. אַ גרויסער שאָד.

כבוד זיין אָנדענק!

✶

## • ד״ר שמחה בינם וויים, וואַרשע

ליבע פריינד! אַ האַרציקן דאַנק פאַרן לעצטן בריוו. איך האָב דערהאַלטן דעם נומער 21 „קול לובלין". אַן אינטערעסאַנטע אויסגאַבע. צום באַדויערן, זענען אין מיין אַרטיקל וועגן יידישן שפּיטאָל פאַראַן אייניקע פאַרדריסלעכע פעלערן און אומפּינקטלעכקייטן. פאַרפאַלן! איך האָב געמיינט, אַז איר וועט דאָס אַרטיקל איבערזעצן אויף יידיש. נאָר דער עיקר, אַז דער אָנדענקטאָוול איז געוואָרן איינגעמויערט אויפן בנין.

איך גרייט צו אַ פּראָגראַם פון פייערונגען צום 45סטן יאָרטאָג פון אומברענגען די לעצטע לובלינער יידן פון געטאָ מיידאַן טאַטאַרסקי. איך לייג פאָר, אַז דער נאָענטסטער נומער „קול לובלין" זאָל זיין געווידמעט דער דאָזיקער דאַטע. אין לובלין וועט פאָרקומען אַ וויסנשאַפטלעכע סעסיע וועגן דער טראַגישער געשעעניש. איך פאַרבעט דעם פאָרזיצער און אייניקע קאָמיטעט־מיטגלידער צו באַטייליקן זיך אין די אונטערנעמונגען. מיר וועלן בקרוב אַרויסשיקן איינלאַדונגען און אויך פאַרבעטן פאָרשטייער פון אויסטראַליע, פראַנקרייך, דענעמאַרק, שוועדן, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע און בראַזיל.

✶

teatrnn.pl

**• דינאַלע ראָטשטיין, פּאַריז**

נאָכן אומקערן זיך פון ישראל פון אונדזער פּרעזידענט שמואל שפּיראָ און די סעקרעטאַרין טעשקע קאָרמאַן־פּאָרשטעטער, האָבן מיר אָפּגענומען גרוסן פון די צוזאַמענטרעפן מיט לובלינער און וועגן אייערע פּראָיעקטן צו פּאַראייביקן, ווי אויך פּערזענלעכע גרוסן פון אַ סך אונדזערע פריינד און באַקאַנטע.

איך שיק איבער די בילדער פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע מיטגלידער: צדוק האָניגבוים (געב׳ 25.12.1905, נפטר געוואָרן 7.12.1986) און מלכה האָניגבוים (געב׳ 26.7.1908, נפטר געוואָרן 29.4.1987). איר זאָלט וועגן זיי שרייבן אין „קול לובלין״.

מיין מאַן אברהם האָט נאָך אַלץ צו טאָן מיט דאָקטוירים, רעצעפּטן און טיילמאָל — אויך מיטן שפּיטאָל. נאָר לאָמיר האָפן, אַז ס׳וועט גיין צום בעסערן. מיר ווינטשן אייך אַ סך געזונט און פרייד.

✶

**• עווואַ און נאַטעק אַקערמאַן, שטאָקהאָלם**

שוין אַ לענגערע צייט, אַז מיר האָבן נישט געהאַט פון אייך קיין ידיעה. גוט וואָס מיר האָבן באַקומען דעם נומער 21 „קול לובלין״ און זיך דערוווּסט פיל נייעס פון אונדזערע לובלינער יידן. לײדער, אויך טרויעריקע ידיעות. שיע סלושני האָט זיך מיט מיר דערצויגן אויף איין הויף במשך 14 יאָר. אויך גאַרטנקראַוטן האָבן מיר געקענט פּערזענלעך.

אין דעם רייכן נומער פון אונדזער זשורנאַל, האָב איך זיך אויך דערוווּסט וועגן דער אַלזייטיקער טעטיקייט פון ד״ר בינם ווייס, וואָס טוט דאָרט אַ נוצלעכע אַרבעט, ווייל די מאַכט־אָרגאַנען דערלויבן.

אויף ווען ווערט פּלאַנירט אַ וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער? אויב אין יאָר 1988, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אויך מיר זאָלן זיך באַטייליקן. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך זייער געוואָלט באַזוכן ישראל, נאָר דער געזונט־צושטאַנד האָט נישט דערלויבט.

מיר שיקן איבער די בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר.

✶

**• יאַנקל און שיינדאַלע נאַש, סידני**

פאַר אַלעמען — אַ שיינעם דאַנק פאַר דעם לובלינער זשורנאַל. מיר האָבן געלייענט פון אָנהייב ביזן סוף די מאַטעריאַלן אין יידיש און אין ענגליש. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן שטאַרק באַדויערט — די פאַרשטאָרבענע לאַנדסלייט, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אונדז געווען זייער נאָענט.

מיר האָבן געהאַט עטלעכע געלעגנהייטן צו שיקן געלט פאַר דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט — אָבער די פריינד האָבן איבערגעגעבן, אַז דאָס „לובלינער ווינקל״ אין תל־אביב, אויף דיזענגאָף 158, איז געווען פאַרמאַכט און זיי האָבן צוריקגעברענגט דאָס געלט קיין סידני. ווילן מיר נישט בעטן מער קיין טובות און לייגן אַריין אין דעם בריוו אַ טשעק אויף 100 דאָלאַר פאַרן „קול לובלין״.

האַרציקע גרוסן פאַר אַלע לאַנדסלייט און מיר האָפן צו הערן פון אייך גוטע נייעס.

✶

**• מאיר דען, לאָס־אַנזשעלעס**

טייערער פריינד! ה׳ ישראל אייזנבערג האָט מיך אינפאָרמירט, אַז איך זאָל שרייבן צו אייך, כדי העלפן אויסגעפינען מיינע קרובים פון לובלין. איך וואָלט גערן איינגעשטעלט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט לובלינער יידן אין ישראל און אין דער דיאַספּאָראַ, וואָס האָבן געקענט מיין משפּחה.

דאָס זענען די נעמען פון מיין פאַמיליע יוסף ראָזענצווייג: קלאַוויר • מעהלטאָפּ • ציגעלמאַן • טענענהאָלץ • זילבערייך • ראָטבאַר • בלייך • שטערנבערג • שוואַלבע • הימלבלאו • נייגעבאָרן • ווייספּאָגעל • שטערנבליץ • מאַרטיע • טוכמאַן • גראַנאַט • שפּילפּאָגעל • הערשקאָוויטש.

איך גלויב, אַז יוסף ראָזנצווייג איז געבוירן אין יאָר 1870 און איז אומגעקומען פון די דייטשישע רוצחים.

מיין עלטער־זיידע איז געווען מאיר ראָזנצווייג, געבוירן אין 1877 און אין 1907 פאַרלאָזט לובלין און אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע (טעקסאַס), וווּ ער האָט געהאַט צוויי ברידער: הערי און לייב און אַ שוועסטער שרה. זייער עלטסטער ברודער יוסף איז געבליבן אין לובלין, אויך זייער מוטער גיטעלע (געב׳ זילבערייך) און פאָטער אהרון ראָזענצווייג.

מיין באָבע איז געווען פעסע מעטלאָף, די יינגסטע טאָכטער פון הערש־זיינוול מעטלאָף און ליבע קלאַוויר (טאָכטער פון משה און ריקל קלאַוויר).

פעסע׳ס שוועסטער זענען געווען: ריקל־רחל מעטלאָף (פרוי פון יהושע־הערשל ציגעלמאַן) און זייערע קינדער: שרה, פישל, חיה, נאַדזשע, פעלע, מאָשקע, אַנדזשע; די עלטסטע שוועסטער פייגע.

איך האָב באַזוכט לובלין אין 1983, אין שיכות מיט מיינער אַן אוניווערסיטעט־אַרבעט, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע דערפאַרונג.

נאָך דעם ווי איך האָב אַרויסגעשיקט דעם בריוו, האָב איך ווידער זיך געטראָפן מיט ה׳ ישראל אייזענבערג און זיך דערוווּסט זאַכן, וועלכע זענען מיר געווען אומבאַקאַנט.

צו דער פריערדיקער ליסטע פון נעמען, גיב איך צו נאָך נעמען פון לובלינער יידן, מיינע קרובים: ראָזענריב • פערנאַנד • גרינפעלד • ראָטבאַר • שוואַלבע • שטערנבערג • דינער • גרינוואַלד.

בייגעלייגט איייניקע בילדער פון קרובים פון לובלין, וואָס איך קען נישט פעסטשטעלן, ווער זיי זענען. אפשר וועט זיי ווער דערקענען, אויב איר וועט אָפּדרוקן די פאָטאָגראַפיעס.

איצט האָב איך צו אייך אַ ספּעציעלע בקשה: איך וויל זייער קויפן „דאָס בוך פון לובלין״, ווי אויך דאָס בוך פון נ. שמן „לובלין״. די ביכער זענען מיר זייער טייער, איך וועל באַצאָלן יעדן פּרייז. אפשר האָט ווער צוויי קאָפּיעס און וויל פאַרקויפן איינע.

איך דאַנק פאַרויס און ווינטש אַלע לובלינער — שנה טובה וכל טוב.

מיין אַדרעס:

MEYER DENN
205 South Barrington, No. 1,
Los Angeles, CA. 90049, U.S.A.
Tel: (213)472-4248



אַ לובלינער אייניקל אין די פאַר. שטאַטן — זוכט זיינע קרובים, דער עיקר — פון עלטערן דור, אין זיין בריוו רעכנט ער אויס די נעמען פון די געזוכטע — און דאָס זענען בילדער פון לובלין, וועלכע ער האָט צוגעשיקט. (זע אויך דאָס בילד אויף ז׳ 42).

# הנצחת זכרה
# של בלה דובז׳ינסקה ז״ל

לרגל הופעת הספר „בלה דובז׳ינסקה — דמות היסטורית, מאה שנה להולדתה״ התקיים ב־29.4.87 ערב התייחדות עם דמותה הנעלה של בלה דובז׳ינסקה, ה־מנהיגה הציונית והעסקנית הציבורית הדגולה, שהיתה מאד פופולארית בלובלין היהודית שלפני המלחמה ושניספתה בשואה.

ספר־זכרון הופיע הודות ליוזמתם של אירגון יוצאי לובלין וד״ר נתן בן־טובים, בנה של בלה דובז׳ינסקה ז״ל. למעלה מ־12 מאמרים ו־18 תמונות נותנים תמו־נה רב־צדדית של אישיותה של בלה דובז׳ינסקה וגם של לובלין היהודית שאיננה עוד.

בערב נאמו: דוד שטוקפיש, שהנחה את הערב, מתתיהו הורן, ד״ר אלחנן הורוביץ, שערך את הספר וגם כתב מאמר היסטורי מקיף על לובלין, והרב יצחק דרורי מבני־ברק. ד״ר נתן בן־טובים, שנאם אחרון, אמר:

„השבח לבורא שזכיתי לערב זה, אשרי שזכיתי לעשות דבר־מה למען זכרה של אמי ע״ה שהוא נערץ ע״י אנשים רבים כל כך״.

הוא הודה לכל מחברי המאמרים וגם לכל בעלי המקצוע שעזרו להוצאה — וסיים:

„ערב זה הוא עוד חוליה בשרשרת האזכרות הנערכות לקדושינו. אנו מצווים לזכור ולהזכיר את השואה האיומה שפקדה את עמנו ואת מה שעוללה לנו. וביתר שאת מצווה כל אחד מאתנו הנושא את זכר יקירינו בלבו, להעלות את זכרונם הקדוש בכל צורה ובכל עת״.



נאָך אַ משפּחה־בילד, צוגעשיקט פון מאיר רעָן פון די פּאַר. שטאַטן, אַן אייניקל פון לובלינער יידן.

(זע זיין בריוו מיטן בילד אויף ז׳ 41).



ביים לובלינער מאָנומענט אין ניו־יאָרק. לינקס: שטייען: רעיטשיל ריעדער, אַננאַ און הערי פּרוכטמאַן (פּרעזידענט), דינה פאַגעלגאַרן. רעכטס: רעזינאַ מיטעלמאַן (סעקרעטאַרין), ה. מעלאַמעט, דאַס פּאַרפּאָלק רויקענשטיין, ק. ריעדער, דאַס פּאַרפּאָלק הערליך, זיל־בערייז, לעדערמאַן, ד. מיטעלמאַן.

# לזכרם • צום אָנדענק



## חיה ביטער ז״ל

(צו דער ערשטער יאָרצייט)

אַ יאָר איז פאַר־בער, זייט ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט מיין איינציקע, געטרייע און האַרציקע טאָכטער חיה. געבוירן אין יאָר 1934, איז זי צוזאַמען מיט אירע עלטערן יעקב און שרה ביטער, געקומען פון לובלין קיין ארץ־ישראל. זי האָט אין תל־אביב געענדיקט די גימנאַזיע „תלפיות" און זייער שנעל באַהערשט שפּראַכן — ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש. במשך 30 יאָר געאַרבעט אין „אל־על", און גאַנץ באַזונדערס, אין די אָפּטיילונגען פון דער נאַציאָנאַלער פלי־געזעלשאַפט אין די האָטעלן „שרתון" און „הילטאָן" אין תל־אביב.

נפטר געוואָרן דעם 2טן אויגוסט (ח׳ באב) 1986 אין תל־אביב און פאַריתומט אַ מאַמע און אַ ברודער (אין שווייץ).

חיה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גוטן כאַראַקטער און אידעלער, קולטורעלער באַציונג צו מענטשן און געווען באַליבט ביי אַלעמען. אַ סך אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און אין פריען עלטער געשטאָרבן נאָך אַ שווערער קראַנקייט.

כבוד איר אָנדענק !

שרה ביטער

✶

## יוסף ברום ז״ל

פון טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון אונדזער טייערן פריינד און לאַנדסמאַן יוסף ברום.

יוסף איז געבוירן אין לובלין און ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געאַרבעט אַלס שניידער. נאָכן אויסברוך פונעם קריג אין 1939, איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט לובלינער חברים. נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט ער זיך מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און העלדיש געקעמפט מיט די היטלעריסטישע חיילות, געוואָרן פאַרוואונדעט און געווען אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל.

נאָכן קריג באַזעצט ער זיך אין לובלין און געאַרבעט שניידעריי. אין 1950 פאַרלאָזט ער לובלין און אַוועק קיין קאַנאַדע. דאָרט געאַרבעט ביי זיין פאַך. אין טאָראָנטאָ האָט ער חתונה געהאָט מיט אונדזער אַקטיווער טוערין אין דער לאַנדסמאַנשאַפט. די לעצטע צייט געפילט זיך שוואַך און דעם 17טן אָקטאָבער אַוועק אין דער אייביקייט און פאַריתומט זיין פרוי אַנאַ.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל דריקט אויס איר גרויסן צער צוליב זיין טויט און שיקט איבער אַ טרייסט דער משפּחה.

✶

## פרומה בלומאַן־שילדקרויט ז״ל

דעם 11טן מערץ איז אין תל־אביב אין עלטער פון 78 יאָר געשטאָרבן די לאַנגיאָריקע



געטרייע פועלי־ציון־חברטע, פרומה בלומאַן־שילדקרויט.

געבוירן געוואָרן אין ווענגראָוו ביי פאַרמעגלעכע עטלערן (לאַזעבניק). זייענדיק נאָך אַ יונג מיידל, איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אויפברויז וואָס האָט געהערשט אין די צוואַנציקער יאָרן אין דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן און איז צוגעשטאַנען צו דער פועלי ציון ־פאַרטיי אין איר שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פולסירנדיקן יידישן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן, ווו פועלי ציון האָבן פאַרנומען אַ גאַר אַנגעזעענע אָרט. זי איז שנעל געוואָרן פון די טעטיקסטע אין דער אָרטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און צווישן אַנדערן אויפגעשטעלט אין שטאָט דעם „יונגבאָר" און אָנגעפירט מיט אים.

אין 1933 איז זי עולה קיין ארץ־ישראל און ווערט גלייך זער טעטיק אין דער היגער פועלי־ציון־פאַרטיי. זי שטעלט אויף אַ פאַמיליע און צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם פועלי ציון חבר חנינא בלומאַן, באַטייליקט זי זיך אין גרינדן דעם קיבוץ־גרעין מצודת בורוכוב (פון וועלכן ס׳איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער קיבוץ משמר הנגב). זיי לעבן דאָרט אין זייער שווערע באַדינגונגען און גייען דערנאָך אַריבער אין קיבוץ רמת רחל, ווו זיי פאַרבלייבן עטלעכע יאָר. פרומה באַטייליקט זיך אין דער הגנה און אין פלמ״ח און באַקומט אַפילו אויסצייכענונגען.

אין 1950 שטאַרבט חנינא און פרומה איז געצוווּנגען צו אַרבעטן זייער שווער, כדי איינע אַליין צו דערציען אירעביידע קינדער, דעם זון יחזקאל און די טאָכטער אורה און געבן זיי ביידן העכערע בילדונג. זי אַדאָפּטירט אויך אַ פון חורבן ניצול געוואָרענע שוועסטרן־טאָכטער און האָדעוועט זי אויס.

פרומה האָט פאַרנומען אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אַמטן אין נאָמען פון פועלי ציון אין דער הסתדרות און אין דער הויפּט־קאָמיסיע פון דער קופּת־חולים פאַר אָנקלאַגעס. אין די לעצטע יאָרן איז זי טעטיק געווען צוזאַמען מיט איר מאַן שילדקרויט אין בית ראשוני פועלי ציון.

זי האָט פאַריתומט איר מאַן, אַ טאָכטער, זון, איידעם, שנור און אייניקלעך. ביים אָפענעם קבר האָט זי מספּיד געווען דער חבר שלום סאָראָקאָ.

✶

צו די שלושים פון פרומה בלומאַן־שילדקרויט, איז אין בית ראשוני פועלי־ציון אין תל־אביב פאָרגעקומען אַן אָנדענק־אָוונט לזכר פרומה׳ן, די פרוי פון אונדזער קאָמיטעטמיטגליד מאיר שולדקרויט.

אונטער דעם פאָרזיץ פון חבר ברנע, וועלכער האָט איבערגעלייענט עטלעכע קאָנדעלענצן, וואָס זענען געווען געדרוקט אין די פאַריזער יידיש־פראַנצויזישע צייטונגען, האָבן מספּיד געווען: צבי בוימער פון דער ווענגראָווער לאַנדסמאַנשאַפט ; איינע פון די נאָענטסטע חברטעס, בינאַ שטיינבערג ; אברהם גראַנעק — פון משמר הנגב און ציפּורה שביט — פון דער נאָענטסטער משפּחה.

אַלע האָבן געברענגט צום אויסדרוק די ערלעכע, אויפריכטיקע פאַרגאַנגענהייט פון דער פאַרשטאָרבענער פרומה בלומאַן־שילדקרויט ז״ל.



## יואל גראַדעל ז״ל

געבוירן אין לובלין דעם 17 יולי 1906. געקומען קיין אַרגענטינע אין 1929. נפטר געוואָרן אין בוענאָס־איירעס דעם 17 יאַנואַר 1987. צו די שלושים האָט אים מספיד גע־ווען, ביי זיין קבר קאַפּל מיזשעריצקי מיט די פאָלגנדע ווערטער:

יואל גראַדעל, ביי דיין קבר זענען זיך היינט צונויפגעקומען דיינע קינדער נחמיה, גאָלדע און משה, דיין גאַנצע פאַמיליע, ווי אויך דיינע לאַנדסלייט פון לובלין, צו באַ־ערן דיין שטיל לעבן, וואָס האָסט געפירט, זינט ביסט געקומען פון דיין געבוירן־שטאָט לובלין. האָסט טריי געאַרבעט צוזאַמען מיט דיין פרוי נחמה, כדי אויפצושטעלן דיין פאַ־מיליע און געבן אַ גוטע יידישע דערציִונג דיינע קינדער, זיי זאָלן זיין „צו גאָט און צו לייט". דו ביסט אויך געווען אַ גוטער לאַנדסמאַן. אויף אַלע יום־טובים פון דעם פאַראיין ביסטו געווען אַנוועזנד, צוזאַמען מיט דיין ברודער יעקב. ווען מ'האָט זיך באַדאַרפט באַשטייערן פאַר „קול לובלין", איז דיין האַנט שטענדיק געווען אָן אָפּענע. מיר האָבן זיך די לעצטע יאָרן נענטער צוזאַמענגעלעבט און דערקענט. דיין איידע־לע נשמה האָט אויסגעדריקט די צוגעבינדנ־קייט צו די אָפּשטאַמיקע פון לובלין, ווי צו דיין ברודער. אָבער דער גאַנג פון לעבן טוט זיך זיינס. זענען מיר געקומען אָפּגעבן כבוד — און דיין גוטן נאָמען וועלן מיר שטענדיק געדענקען.

*

## חיים גולדברג ז״ל

חיים (הניאק) גולדברג, אבי ז"ל, נולד בלובלין ב־1905. מגיל צעיר היה בו רגש אחריות לדאוג למשפחתו. מיד עם גמר ה־גימנסיה התחיל לעבוד ולמד בערבים כדי להרחיב את השכלתו. תמיד חלם על לימו־דים אקדמיים. ב־1932 התחתן עם פולה (פרלה) בריקמן ונולדו שני ילדים: ליזקה ויוז'ו. שירת שנתיים בצבא הפולני עבד בתור „פרוקורנט" בבית החרושת לעורות של פסח בריקמן, אח גדול של פולה, והתקדם שם יפה וכולם העריכו אותו.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה ב־1939 הצליח לברוח מלובלין עם משפחתו, זמן קצר לפני כניסת הגרמנים. המסע היה קשה ומסוכן והמשאית בה נסענו נתקעה בעיירה אוקראינית בורשצ'וב. זמן קצר לאחר מכן נכנס צבא אדום (רוסים) לאוקראינה וכל אלה שסירבו לקבל אזרחות סובייטית — אנחנו ביניהם — נשלחו לסיביר כעונש. עונש זה הפך לברכה. כי למרות כל התלאות, המחלות, הרעב ועבודת הפרך — המשפחה ניצלה. מסיביר העבירו אותנו ב־1941 לאסיה התיכונית, לעיירה „קורשב" בקירגיסטאן, ושם הודות לתושיה ולכשרונות של אבא,



אשר עבד במוסד ביטחוני כמנהל חשבונות, היה לנו מספיק אוכל וקורת גג ונותרנו בחיים.

עם גמר המלחמה ב־1946 חזרנו לפולין וכשהרכבת עצרה בלובלין, אבא החליט באו־פן אימפולסיבי שיורדים: הגענו הביתה. אוי לבית כזה! למרות כל השמועות על השואה לא העלינו על הדעת את גודל האס־סון: לא קרובים, לא ידידים, בבית שלנו גרו גויים. מקומות שלא היו עוד וקומץ קטן של ניצולים שמתגוררים ליד הקהילה ברח' לוברטובסקה... לעומת זה נתווסף לנוף הלובליני מחנה „מיידנק" הידוע לשימצה. כל בני המשפחה שנשארו בלובלין ניספו בשואה. אבא החליט שבינתיים נישאר בלוב־לין ומצא מגורים יחד עם משפחת שילד־קראוט ברח' לוברטובסקה. גרנו בצפיפות ובתנאים קשים, אך אחרי המלחמה וסיביר גם זה היה טוב. אבא מיד התחיל לעבוד בקהילה היהודית. מהר מאד התברר שלמ־רות ולא נותרו כמעט יהודים בלובלין, האנ־טישמיות חוגגת. חיים, אבי ז"ל, היה ציוני כל חייו ובשנת 1950, כשנתאפשר לעזוב את פולין ע"י ויתור על האזרחות הפולנית — נסענו לארץ־ישראל. הגענו ארצה בתקופת העלייה הגדולה ושהינו בתנאים קשים במח־נה האוהלים „ברנדיס" ליד חדרה ואח"כ בפחונים במחנה ישראל, ליד לוד. בתור עו־לה חדש אבא קיבל זכות לאולפן ללימוד השפה העברית. אך כדרכו בחיים תמיד חשב על אחרים קודם והעביר את הזכות אלי: „את צעירה, את צריכה ללמוד, אני אסתדר". אבי למד עברית בעצמו, בערבים, עבר בחי־נה של מנהל חשבונות ומיד התחיל לעבוד. עם הזמן למד גם מקצוע חדש — עמיל מכס. והתחיל לעבוד בחברת „לבנט בונדד", הת־קדם בעבודתו ונתמנה למנכ"ל החברה, מש־רה בה החזיק עד ליציאתו לפנסיה.

אבי ז"ל היה אדם שאיכפת לו: עבד בהת־נדבות באירגון יוצאי לובלין, היה במשמר האזרחי. וכשיצא לפנסיה עבד תחלה בהת־נדבות באירגון סוכני מכס ואח"כ המשיך לעבוד בתור עמיל מכס במשרה חלקית, כמעט עד יומו האחרון. לא נכנע למחלתו ונלחם על חייו.

כל מי שהכיר את אבי חיים גולדברג ז"ל העריך אותו. היה בעל טוב, אבא וסבא אהוב על כולנו. כל חייו היה איש ישר, רודף צדק ואוהב בריות.

אני מרגישה זכות גדולה שהיה לי אבא כזה. הוא נפטר אחרי מחלה קשה בט"ז בני־סן תשמ"ז, בחול המועד פסח, והותיר אחריו אישה, שני ילדים ושלושה נכדים — כולם עם לב שבור. יהי זכרו ברוך.

**ליזקה, בתו**

*

## מרדכי לייב (מאַניעק) גאָלדמאַן ז״ל



געבוירן אין יאָר 1919 אין לובלין, זון פון די עלטערן מאַנעס און פריידע גאָלדמאַן, וואָס האָבן געוווינט אויף לובאַרטאָווסקע 37. געלערנט אין חדר און פאַרענדיקט אַ פאָלקס־שול און דערנאָך געלערנט זייגער־מאַכעריי ביי די פעטערס יואל און יעקב גאָלדמאַן.

די שווידערלעכע מלחמה־יאָרן איבערגע־לעבט אין לובלינער געטאָ, אים געלונגט צו אַנטלויפן פון מיידאַנעק און ער שטייט צו צו אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט אין לובלי־נער געגנט.

נאָך דער באַפרייונג, געוווינט אַ צייט אין לובלין און דערנאָך אין וואַלבזשיך, ני־דערשלעזיע. אין יאָר 1957 עולה געווען קיין

ישראל, זיך באַזעצט אין תל־אביב און דאָרט חתונה געהאַט. דערנאָך זענען געבוירן געוואָרן צוויי קינדער (אַ צווילינג).

צוליב פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן, וואַנדערט אויס די משפחה קיין בערלין. אין יאָר 1986 שטאַרבט זיין פרוי, און מיט אַ יאָר שפּעטער — איז נפטר געוואָרן מאַניעק און פאַריתומט דריי טעכטער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין באַשיידנקייט, ערלעכקייט און פאַכמענ־שקייט.

כבוד זיין אָנדענק!

דער ברודער **אַדאַם** (קאָפּענהאַגען)





## צדוק און מלכה האָניגבוים ז״ל

דעם 7טן דעצעמבער 1986, איז אין בת־ים נפטר געוואָרן דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין" אין פראַנקרייך און אין די לעצטע יאָרן — ערן־פאָרזיצער פון דער פאַראייניקטער לובלינער געזעלשאַפט אין פּאַריז.

דער פאַרשטאָרבענער איז אַ לענגערע תקופה געשטאַנען בראש פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַקטיווקייט, איבערגעגעבנקייט און אחריות.

געבוירן אין יאָר 1905, האָט ער נאָך פאַר דער מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז און אַדורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון אַן אימיגראַנט.

דעם 29סטן אַפּריל 1987, איז אַוועק אין דער אייביקייט **מלכה האָניגבוים**, די אלמנה פון צדוק האָניגבוים. דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט אין פראַנקרייך, דריקט אויס טיפן מיטגעפיל דער טאָכטער, אייניקלעך און דער משפחה אין ישראל און אין פראַנקרייך.



## זהבה טור (טורקלטאוב) ז״ל

זהבה תור (גולדה טורקלטאוב) נולדה בלובלין, בשנת 1891. עלתה לארץ בשנת 1921 באוניה „גסטיין", שהפליגה מטרייסט לארץ־ישראל. כאן הצטרפה לגדוד העבודה ע״ש י. טרומפלדור והצטרפה לפלוגה בפתח־תקוה. בתחילה עבדה כמנהלת המכבסה.

מפתח־תקוה עברה הפלוגה לזמן קצר לכנרת, בה עבדה בהכנת חצץ לסלילת כבישים. מכנרת עברה הפלוגה לישוב קבע, תל־יוסף. בתל־יוסף המשיכה זהבה לנהל מכבסה. לאחר שלוש שנים של חיי שיתוף בקבוצה, זהבה עברה לכפר־אתא לחיות עם משפחתה.

בתחילת שנת 1930, היתה זהבה מטפלת בביתה של המיילדת גב׳ מרגוליס, אחר כך טיפלה במשפחת הסופרת נחמה פוחצ׳בסקי.

בשנת 1936 חזרה אל אחותה בקרית־אתא. כל חייה השתדלה לעזור לזולת. משנת 1977 חיה זהבה בבית־האבות בפרדס חנה. היתה אהובה בין התושבים והעובדים, בגלל מחשבתה הבהירה עד סוף ימיה. תמיד השתדלה לעזור.

בינואר 1986 נפטרה בגיל 95 ובחייה ציוותה את גופתה למדע. לוויתה התקיימה ב־12.5.87 בירושלים.

יהי זכרה ברוך.



## טובה זיסרמן־טרכטנברג ז״ל

בצער רב עלי להודיע על מותה של אשתי האהובה, טובה טרכטנברג. הכרתי אותה בהסתדרות „החלוץ" בלובלין בשנת 1925. עליתי אז לארץ־ישראל, וטובה נסעה מהחלוץ להכשרה.

טובה נולדה בלובלין, ב־1 בנובמבר 1907, להורים דבורה ומשה טרכטנברג. כל הזמן של שהותי בארץ (1928—1925), הייתי איתה בקשר מכתבים. בסוף שנת 1928 חזרתי ללובלין, כדי להמשיך בידידות, להתחתן ולשוב ארצה. בשנת 1935 חזרנו ביחד, עם תינוק בת 15 חדשים, דרך „החלוץ־העובד". התחלנו מחדש לבנות את חיינו ולטפל במשפחה.

בשנת 1985 עברנו לקיבוץ ארז, הודות לבת שלנו. לדאבוני הרב, אשתי חלתה ו־9 חדשים שכבה בבית־חולים „רבקה" בפ״ת. במחלתה הארוכה זכתה בטיפול מסור מצד כל הסובבים אותה והמשפחה. אחרי יסורים רבים וקשים, נפטרה ביום 8 למרץ 1987.

מצער מאד, שחייה נותקו והשאירה בצער עמוק את משפחתה: בעלה, 3 הבנות, חתנים, 11 נכדים ו־3 נינים, השרויים באבל.

בזכות התנהגותה הטובה במשך 50 שנה בפתח־תקוה ובקיבוץ ארז, תושבים רבים השתתפו בהלוויתה. נטמנה בבית־העלמין בפתח־תקוה. ליוו אותה בדרכה האחרונה מאות אנשים.

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

הבעל **אברהם זיסרמן**

## מלכה זיסקינד ז"ל

אמא נולדה בלובלין בשנת 1916, להורים הרש אקרמן ויהודית (לבית גורפינקל). היתה הבכורה מבין 6 הילדים. בצעירותה היתה פעילה בספורט ובמקהלה היהודית מטעם האיגוד המקצועי היהודי בלובלין.

את ימי גיהנום המלחמה עברה בלובלין, בגיטו מיידן־טטרסקי ו־20 חודשים במחבוא אצל טדאוש זימבה, פולני שהצילה. אמא היתה עדה לזוועות ולהשמדה שהתרחשו בלובלין במשך שנים נוראות אלה. משפחתה הענפה הושמדה כליל.

בתום המלחמה נישאה שנית בלובלין לאבי פנחס זיסקינד ז"ל, שגם הוא ניצול ממחנה שבויים בגרמניה ואח"כ במחנה ליפובה בלובלין. שנתיים לחם בנאצים עם הפרטי־זנים ביערות פרצ'ב, בפיקודו של סרן יחיאל גרינשפן.



הם הקימו בית. אני נולדתי בשנת 1946 ובשנת 1956 עלינו ארצה והשתקענו בנהריה.

משך כל חייהם רדפו אותם מאורעות וזוועות השואה (שניהם העידו במשפטים נגד פושעים נאציים שפעלו בלובלין). אמא העידה מספר פעמים בארץ ושלוש פעמים — בגרמניה. מאורעות השואה בלובלין היו חדו־רים בנפשה ובגופה, עד יומה האחרון.

אמא נפטרה בדצמבר 1986 ממחלה קשה. אין לי די מילים כדי לתאר את חייה, את נחישותה ואומץ ליבה שדרוש היה להישאר בחיים בעת השואה וחריצותה הרבה בעת השנים הקשות של ההתאקלמות בארץ, כוש־רה הגדול והענוה עד לרגע האחרון.

את עידודה ומעט שמחת החיים, היא שא־בה באהבתה לי, למשפחתי ובעיקר — לנכ־דיה. היתה אם, חמות וסבתא מיוחדת ואו־הבת. ועבורינו — בלתי נשכחת.

כואבת מרה
**יהודית מאיר** (פתח־תקוה)



## שיינדל קורנשטיין ז"ל
### לבית פרום מלובלין

ב־19 לספטמבר 1986, הלכה לעולמה רע־יית היקרה שיינדל, בגיל 72 שנים. (אני, בעלה אליעזר קורנשטיין, גם מלובלין).

נישאנו ב־1939 ומייד לאחר מכן עזבנו את לובלין ומשפחותינו בדרכנו לבריה"מ. בת־קופת המלחמה אשתי היקרה הוכיחה את עצמה בגבורתה וביכולת ההישרדות שלה בתקופה קשה זו. נודעה כאשה שעוזרת לא־נשים, אפילו בתקופות כשהמצב הכלכלי היה קשה גם לנו. אספה לביתה אנשים שלא היה להם מקלט.

בדרכנו לארץ עברנו לגרמניה, צרפת ומ־שם הגענו ארצה ב־1948. אבדה את כל משפחתה בשואה: הורים, שתי אחיות ואח. בעקבות זאת חלתה, היתה בדיכאון תקופות מסויימות בחייה, וכן פיזית לא היתה ברי־אה. נפטרה ממחלה ממארת. השאירה אח־ריה 2 ילדים, בן ובת וכן 6 נכדים (2 בנים, 4 בנות).

יהי זכרה ברוך!

בעלה **אליעזר קורנשטיין**

★

## פסח רויטפארב ז"ל

איז געבוירן אין לובלין אין יאר 1912, ביי הארעפאשנע עלטערן. די שווערע מאטעריעלע לאגע אין שטוב האט אים געצווינגען אנ־הייבן לערנען א פאך, ווען ר'איז אלט געווען 13 יאר. ער האט ארויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן ביי לערנען דאס פאך און אין א קורצע צייט געווארן א גוטער קאמאשן־שטעפער. גע־ארבעט א סך יארן ביזן אויסברוך פון 2־טער וועלט־מלחמה, ביי לייבל באשניאק און אזוי ארום געהאלפן מפרנס זיי די משפחה. פסח ז"ל איז געווען אן אקטיווער מיטגליד אין פראפ. פון דער לעדער־בראנזשע און א מיט־גליד פונעם „בונד".

אין יאר 1939 איז ער אוועק קיין ראווונע און דארט באלד באקומען ארבעט. נאכן אנ־פאל פון די דייטשן אויפן סאוויעטנפארבאנד האט ער זיך עוואקואירט קיין קאזאכסטאן, געארבעט אין א קאלכאז ביז דער רעפאט־ריאציע קיין פוילן אין יאר 1946. נאכן קעלצער פאגראם איז ער אוועק קיין דייטשלאנד און דארט געוווינט ביזן אפפארן אין די פאר־אייניקטע שטאטן. אין שיקאגא חתונה געהאט און דארט געארבעט אין אן ארטאפעדישע פאבריק ביזן ארויסגיין אויף פענסיע.

אין חודש יולי 1986 אוועק אין דער איי־ביקייט און פאריתומט א פרוי און דעם ברו־דער מנשה מיט זיין פרוי און קינדער. זאל אים די ערד גרינג זיין!



די לובלינער לאנדסמאנשאפט אין מעל־בורן, האט אין לעצטן יאר פארלוירן אירע איבערגעגעבנע מיטגלידער:

**פאלא האלפערין**
**שמואל זילבערשער**
**עווא קאמיען**
**נחמן רייטער**

מיר באטייליקן זיך אינעם צער און טרוי־ער פון די משפחות. זייט געטרייסט.

**דער קאמיטעט**



נחמן רייטער ז"ל

## שמחה שולדינר ז״ל

שמחה יקירי,

באנו לבית הקברות על קברך הרענן, להפרד ממך בדרכך האחרונה — משפחתך, חברים, ידידים ובני עירך לובלין.

לפני חודש וחצי עברת ניתוח, קווינו וציפינו בכליון עיניים שתבריא במהרה ותחזור לחיים תקינים. לצערנו, חכינו לשווא.

כעת הנני מפליג מעבר לתקופת מלחמת עולם השניה, עוד לפני השואה. גרת ברח׳ רוסקה 7. באותו בנין, היה גם האולם של הנוער־הציוני. כאן היתה לי ההזדמנות להכירך מקרוב. עם פרוץ המלחמה, אחרי שהגרמנים כבשו את פולין, עברת לגור בעיר לבוב, יחד עם רעייתך טובצ׳ה ובתך הבכורה. ברחתם לרוסיה וכך ניצלתם מציפורני הנאצים. הרוסים שלחו אתכם לסיביר ושם היו לכם חיים קשים.

בגמר המלחמה עברתם להתגורר בצרפת. בשנת 1949 עליתם ארצה, יחד עם בתכם. התחלתם לבנות את החיים מחדש. לאחר שנים של עבודה מפרכת, אתה מתחיל לראות פרי מעמלך ואפשרות של חיי שלווה ומנוחה. הקימותם משפחה לתפארת. היית אדם חרוץ ובעל מרץ רב. עם הסתלקותך, הלך מאתנו ידיד נאמן.

במשך כל שנות שהותך בארץ, קיימת קשרים עם בני עירנו ובסוף הצטרפת לוועד ארגון יוצאי לובלין והשתתפת יחד עם רעיתך שתבדל לחיים ארוכים, בכל האירועים.

בלקט של פרקי אבות, הנה מה אומר שם שמעון בן־זומא, אחד מחכמי ישראל בעת תקופת מרד בר־כוכבא:

„איזהו חכם? הלומד מכל אדם. איזהו גיבור? הכובש את יצרו. איזהו עשיר — השמח בחלקו״. ואלה היו סגולותיך.

היית בעל לדוגמא, אבא וסבא מסור ונאמן. ידעת לייעץ ולעזור לזולת. אהבת את החיים ואת האנשים באשר הם. ארגון יוצאי לובלין, חברים וידידים, מרכינים ראשיהם ומשתתפים בצערה ויגונה של המשפחה.

זכרו לא ימוש מקרבנו. תהיה נשמתך צרורה בצרור החיים.

**מתתיהו הורן**
(דברים על קברו)

---

## ארגון יוצאי לובלין בישראל

## דו״ח הכנסות והוצאות לתקופה 1.10.85 — 30.8.86

**הוצאות:**

| | | |
|---|---|---|
| מס-חבר להת׳ עולי פולין | 262.75 | |
| חוברת קול לובלין | 1,638.51 | |
| ישיבות ופגישות | 560.92 | |
| אזכרות ואחזקת המצבה | 639.20 | |
| מלגות לימוד ותש׳ לסופרים | 1,045.— | |
| מענקים לנצרכים ותרומות | 216.74 | 4,363.12 |
| צרכי משרד ומשרדיות | 479.16 | |
| אחזקת משרד | 240.67 | |
| דאר בולים (משלוח חוברות) | 880.48 | |
| נסיעות ושליחויות | 126.90 | |
| הוצאות כלליות | 7.70 | 1,634.91 |
| סה״כ הוצאות | | 5,998.03 |

**הכנסות:**

| | | |
|---|---|---|
| דמי חבר בשקלים | 2,096.82 | |
| דמי חבר במט״ח | 1,976.48 | 4,073.30 |
| רבית, הפרש הצמדה ורווח מנ״ע | | 862.86 |
| | | 4,936.16 |
| עודף הוצאות על הכנסות | | 1,061.87 |
| סה״כ | | 5,998.03 |

## דו״ח כספי ליום 30.8.1986

**אקטיב:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| ניירות ערך בבנק הפועלים (—.500 רשף) | | 3,341.10 | 29,516.10 |
| דולר אמריקאי בבנק הפועלים | 16,772.99 | 24.861.— | |
| דולר קנדי בבנק הפועלים | 855.— | 913.— | |
| דולר אוסטרלי בבנק הפועלים | 100.— | 90.— | |
| לירות שטרלינג בבנק הפועלים | 100.— | 223.— | |
| פר״צ בבנק הפועלים | 400.— | 88.— | 29,516.10 |
| עו״ש בבנק הפועלים | | 192.28 | |
| עו״ש בבנק הדאר | | 83.11 | 275.39 |
| רכוש חדר, 2 שולחנות ומגפון | | | 768.— |
| סה״כ | | | 30,559.49 ש״ח |

**פסיב:**

| | |
|---|---|
| קרן הארגון מ־1.10.85 | 31,621.36 |
| עודף הוצאות על הכנסות ל־30.8.86 | 1,061.87 |
| סה״כ | 30,559.49 |

בגלל חוסר זמן, לא הספיקה ועדת הביקורת לבדוק ולאשר את המאזן. האישור יפורסם בחוברת הקרובה של „קול לובלין״, באפריל 1988.

**הוועד**

# „נוסח לובלין"

ד"ר אלחנן הורוויץ

דער באַקאַנטער לובלינער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל האָט אין ערשטן נומער פון „קול לובלין" פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל „נוסח לובלין", פון וועלכן מיר גיבן אַן אויסצוג. וועגן גירוש לובלין שרייבט דער יידיש־העברעישער דיכטער יצחק קצנלסון אין אַזוי גערופענעם „פנקס ויטל":

...„ימי הפסח של שנת תש"ב, לובלין, זאת הקהילה הגדולה והקדושה זה מאות בשנים, לובלין העתיקה, פומפדיתא זו, נהרדעא דארעא דפולין, לובלין כלתה, אפסה, תמה, הרגו בה מטף ועד זקן מאשה ועד עולל, אמהות וילדים בבטנן. הגיעו אלינו השמועות טלפונית, שולחו רצים, יהודים, בחורות מישראל עם ניירות של גויים להיוודע — אוי לנו, ידענו את הכל!"

דער מחבר האָט זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשע און וועגן דעם זיך דערוווּסט פון דעם יידישן אונטערערד, וואָס האָט געשיקט קיין לובלין יידישע מיידלעך, מיט אַרישע פּאַפּירן — איינע פון זיי איז געווען חווקה פּאַלמאַן, וואָס איז געקומען קיין לובלין בעת דער אַקציע און באַוויזן אַפילו רעדן מיט אייניקע באַקאַנטע יידן, צווישן זיי האָט זיך געפונען די פרוי דאָבזשינסקאַ. די אַנדערע נעמען זענען שוין אַרויס פון זכרון — און זיי האָבן געבראַכט די ידיעה קיין וואַרשע, אין געטאָ, צו די ווידערשטענדלער...

אין „פינקס ויטל" האָט דער דיכטער יצחק קצנלסון געשריבן וועגן חוה פּאַלמאַן און אַזוי האָט ער זי באַוויינט:

„חוה פולמן היקרה! איך? הן לא הגעת עוד לשנת העשרים? אני לימדתיך, עברנו על ישעיהו, לימדתיך לשחק על הבמה, אותך ועוד חברים רכים כמוך ע"י „החלוץ", דז'לנה 34. שיחקת את „יעקב". — איך, חוה היקרה, ה„שיקסעלע" היהודית. עם טל הילדות על שפתייך ועם הבוקר אור בעינייך ובלב מלא רגש והכרה שלא לפי שנותייך, יצאת עם ניירות של „גויה" לערים ולעיירות ששם הורגנו...

...את זאת שעמדת בבית הנתיבות בהרובישוב וראית את אלפי היהודים שנסחבו להתם כדי לשלחם... רבים נורו, נדקרו במקום. ילדים רוטשו באשם אמותם ואבותם שביקשו על נפשם, נפשות ילדיהם — והרגום — לא בכית... אולם היית בכל רע והתעלפות!... למה לך הניירות בכיס שמלתך, אם את מתעלפת? לא בכיס השמלה, בפצעי הלב שמי את ניירות הגויה... גויה לא תתעלף לעולם כשהורגים יהודים למאות בשוק ולעיני השמש..." כנראה, מצאה חוה פולמאן את מותה בקרקוב.

---

# „משוגעים" בלובלין

אירית גוטליב

לא פעם אני חושבת איך זה יתכן שלמרות שחייתי בלובלין רק בשנות ילדותי ובנעורי המוקדמים טבוע זכרון העיר כה עמוק בליבי. הפעם רציתי להקדיש זכרון קצר לכמה דמויות מוזרות, אשר הסתובבו בחוצות עירנו. אחת הדמויות המוזרות היה גבר שכונה על ידי הבריות וגם כנה את עצמו בשם „צוועלווער קאָפּ". אותו אדם היה נמוך, בעל גוף לא מפותח, אך ראשו היה גדול מאד בהשוואה עם שאר חלקי גופו. הוא היה מקבץ נדבות בבתי היהודים. בידו היתה תמיד קופסה של משחה, אשר שמשה להברקת רצפות־העץ „יסנה סלונצה". הוא היה מנקש בקופסה ובפרוטות שהיו בתוכה והיה צועק — „צוועלווער קאָפּ — צוועלווער קאָפּ" ולא ויתר, עד אשר נאלצה עקרת הבית למלא את רצונו ולהעניק לו נדבה. בהיותי ילדה, אהבתי להתבונן בו. סקרנותי היתה מעורבת בפחד, כי האיש לא אהב שילדים יתבוננו בו. הדבר היה מרגיז אותו מאד והוא היה רודף אחרי הילדים ומעתיר עליהם קללות עסיסיות. הדמות ריתקה אותי ולא פעם חשבתי היכן מתגורר האיש המוזר הזה ואם יש לו משפחה.

דמות ססגונית אחרת, אבל הפעם דמות יותר חביבה, היה „סרולקה המשוגע". אותו סרולקלה, כפי שוודאי זכור לרבים מיוצאי עירנו, היה בחור צעיר, לבוש בגדים מרופטים. הוא אהב לשיר ונהג להתדפק על דלתות היהודים. כשנפתחה הדלת הוא היה פוצח בשיר. אחד השירים האהובים עליו היה: „סקרבביונה סרצה". השיר היה עצוב ונוגה והיה משפיע בעיקר על עוזרות הבית שהיו מעניקות לו נדבה ביד רחבה, כפי שידן השיגה באותם הזמנים. „סרולקלה" נעזר במקלו, כליווי מוזיקלי והיה מעמיד פנים, כאילו שהוא מנגן בכנור. ישנו סיפור אמיתי, הקשור בדמותו של „סרולקלה": חבורה של בחורים צעירים החליטה לשם בידור לחתן את „סרולקלה". הם מצאו עבורו שידוך מתאים בדמותה של קבצנית, שהיתה קצת יותר מבוגרת ממנו. לאחר שהיא הסכימה לשידוך, שכרו הצעירים אולם ברחוב לוברטובסקה, פינת קרבלסקה, ושם נערכה החתונה של בני הזוג. נמכרו כרטיסים ורבים מצעירי העיר השתתפו בחתונה. לחתן נקנתה חליפה וזוג נעליים. שמעתי ממשתתפי השמחה, שסרוליק הופיע בתכנית „אמנותית" משלו כדרכו. הוא הוריד את נעליו ורקד בערדליו (קלושן). אחרי החתונה (אגב איני יודעת האם היתה זאת חתונה אמיתית) התגוררו בני הזוג יחד. הסיפור מספר, שביום אחד נפגעה אשתו של „סרולקלה" בתאונה (כנראה נדרסה על ידי עגלה). היא נלקחה לבית חולים נוצרי בלובלין ושם מצאו הרופאים תוך כדי טיפול סכום כסף גדול על גופה. כששאלוה אם היה לה משהו (כסף), היא ענתה מתוך פחד שלא היה לה כלום, ושהיא אישה עניה וכו'. בסופו של דבר רחמו עליה הרופאים והחזירו לה את כספה.

דמות נוספת מתוך הגלריה של הדמויות המוזרות היה „זיגמונד המשוגע". זיגמונד היה גוי פולני, שנהג להסתובב ברחובות היהודיים ולדרוש בתוקף נדבות. הוא הסתובב בעיקר על יד השוק ברחוב נובה ומכיון שהורי התגוררו בסביבה זו, נתקלתי בו רבות בהיותי ילדה. גם הוא נהג לשיר „ולנגן" במקלו. אבל הוא היה איש תוקפני, אשר רדף אחרי ילדים והיה נוהג לחטוף חפצים אשר החזיקו בידיהם, כגון אוכל, בדרך כלל. מידי חטף זר פרחים, קונבליות, אשר קניתי לאמי. אני עדיין מתחלחלת בזכרי את העיניים הפראיות של זיגמונד התקועות בי. ברחתי בכל כוחותי...

# לובלינער קינדער און אייניקלעך אויף דער אזכרה אין ל.־אַנזשעלעס

ישראל אייזנבערג

זונטיק דעם 16טן נאָוועמבער 1986, האָבן די לובלינער אין לאָס־אַנזשעלעס, געַנוי ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין די לעצטע 30 יאָר, אַדורכגעפירט די טראַדיציאָנעלע אזכרה צו דער 44סטער יאָרצייט. אָבער דאָסמאָל האָבן מיר איינגעלאַדן אונדזערע קינדער און אייניקלעך. (איך שרייב : „מיר האָבן איינגעלאַדן", נאָר דאָס גאַנצע „לובלינער געשעפט" ווערט געפירט דורך איין מענטש). מיר האָבן נישט, ווי אין ניו־יאָרק, קאַנאַדע, אָדער תל־אביב, אַ פּרעזידענט, אַ וויצע־פּרעזידענט, סעקרעטאַר, קאַסירער און אַזוי ווייטער, נאָר גאַנץ פּשוט : איך מיט מיין פרוי טוען די גאַנצע אַרבעט. דאָ צאָלט קיינער נישט קיין מיטגליד־אָפּצאָל.

אַז איך דערהאַלט דעם „קול לובלין", שיק איך אים איבער צו אונדזערע לובלינער מיט דער פּאָסט, אָבער לרוב פּאָר איך צו די לובלינער און ברענג זיי די אויסגאַבע אין די שטיבער.

די אזכרה איז געווען זייער אַ פייערלעכע. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געעפנט דעם צוזאַמענטרעף פון כמעט אַלע לובלינער דאָ אין שטאָט, און אויך פון שטעטלעך אַרום לאָס־אַנזשעלעס און מיט שטאָלץ געקוקט אויף אונדזערע קינדער און אייניקלעך אויפן זאַל, אין שול „כנסת ישראל" — דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, בוכהאַלטערן און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, מיט זייערע וויכטיקע פּראָפעסיעס און טיטלען.

איך האָב די קינדער דערקלערט ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי שטאַמען, געשילדערט די באָבע־זיידעס, וועלכע איך געדענק גוט, ווי אויך זייערע אַדרעסן און באַשעפטיקונגען אין יידן־גאַס, נאַדסטאַוונע, רוסקע, לובאַרטאָווסקע, נאָווע, גראָדזקע, אויפן זאַמד און טשעכיוו. פאַר די קינדער פון די פישמאַנס געשילדערט זייער זיידן מיט דער גאָלדענער קייט אין וועסטל־קעשענע, אין טאַנדייט־געשעפט אויף דער שוויענטאָ־דוסקע, אַנטקעגן די פייערלעשער. ער איז געווען פון די גבאים אין מהר"ם שול.

פאַר די קינדער פון די אָבערס האָב איך געשילדערט זייער זיידן לייבעלע „פּאָסלוגאַטש", וואָס איז געווען אַ האַלבער דאָקטער אין יידישן שפּיטאָל און פיל געהאָלפן די קראַנקע. איך געדענק זיין מסירת־נפש פאַרן לובלינער הרב שפּירא ז"ל, בעת זיין שווערער קראַנקייט.

די שנורם קינדער, די אייניקלעך פון טוביה דעם אינקאַסענט פון רעטונגס־קאָמיטעט, רפאל ראָזענבערגס טאַטע — „דער געלער בערשטל־מאַכער", אין זעלבן הויז ווו איך האָב געלערנט אין חדר ביי ברוך־הויקער, אויפן ערשטן שטאָק. דער בערשטל־מאַכער, דעם היינטיקן דאָקטער ראָזנבערגס זיידע, פלעגט ציען פון צווישן די ליפּן די דראָטן פון די באַרשטן מיט די האָר, געהאָרעוועט שווער און ביטער זיין גאַנץ לעבן.

די ברונאָס, וואָס האָבן געוווינט לעבן גאָרטן, מיט זייערע זין, דעם ראָקטער און אינזשיניער. די שערמאַנס, די אייניקלעך פון מענדל געַנדזלער און רבקהלע טראָפּער, וואָס האָט סוקצעספול אויפגעבויט זיין קאָמפּיוטער־פאַבריק. דער דאָקטער אהרן האס, דאָס אייניקל פון אהרלע האספויגל אויף דער שעראָקע ביים טייך. אויף זיין הויף פלעגן די פויערים שטיין מיט זייערע פערד־און־וועגענער. טאַקע דאָרט, אויף דעם הויף, פלעגן מיר, די חדר־יינגלעך, שפּילן אין באַהעלטעלעך. דאָקטער האס איז דאָ איינער פון די באַוווּסטע דאָקטוירים אין שטאָט ; ער איז אויך אַן אייניקל פון די צינאַמאָנס, פון די אַלעקסאַנדראָווער חסידים און שניט־סוחרים אויף דער לובאַרטאָווסקע גאָס — און אין אַן אינטערעסאַנטער רעדע געשילדערט זיין צוגעבונדנקייט צו לובלין און זיין אָפּשטאַם.

אַלס גאַסט־רעדנער איז אויפגעטרעטן הרב דאָקטער לוי מעיער און אין אַ רירנדיקע רעדע געשילדערט אַזוי פיל געלערנטע צווישן אונדזערע קינדער. דאָס דעם אומקום פון אונדזער טייער פאָלק און וואָס מיר דאַרפן לערנען דערפון. נישט אומזיסט געפינען זיך אין דער „דור הולך ודור בא". ווער ווייסט אַ וואָסערע טייערע, הייליקע, האַרציקע מענטשן, אייערע באָבע־זיידע אין לובלין זענען געווען און נישט דערלעבט דאָס נחת צו זען אייך.

מיר האָבן הײ־יאָר נישט געהאַט קיין פּראָפעסיאָנעלן חזן. איך האָב געמוזט מאַכן דעם „אל מלא רחמים" און נאָכן זאָגן קדיש ברבים, זענען מיר אַלע אַריין אין דערבייאיקן גרויסן זאַל, וווּ מיין פרוי האָט צוגעגרייט געדעקטע טישן. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט, טועם געווען, זיך אויסגעטענהט, דערמאָנט אין דער אַלטער היים. אַ טייל האָבן דערמאָנט זייער מיטגלידערשאַפט אין דער „גוויאַזדאַ", „הכוח", פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אייניקע האָבן דערמאָנט דאָס לערנען אין כהנס בית־המדרש, אויך אויפן צווייטן שטאָק פון חברת נושאים בית המדרש, מיט ר' ברוך קאָצקער ז"ל, אָדער אין ראַדזינער שטיבל, ביי ר' וועלוול ווייס ז"ל, אויף לובאַרטאָווסקע 18 ביי שוסטאַקן, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען גרויסע תלמידי חכמים.

אַזוי האָט זיך יעדער געפינען זיין גרופּע צו פירן אַ היימישן שמועס. דערביי ברענגט מיר יעדער איינער צו אַן איינגעוויקלט פּאַפּירל — אַ טשעק פאַר דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל. לויט ווי איך זע אין „קול לובלין", שאַף איך דאָ ביי אונדז, עטלעכע צוואַנציק לובלינער, ווי די ניו־יאָרקער, די קאַנאַדער, וועלכע האָבן, בלי עין הרע, פיל מערער לובלינער ווי ביי אונדז אין שטאָט. און מיר האָבן טאַקע איבערגעשיקט צו די לובלינער אין ישראל איבער טויזנט דאָלאַר.

דער עולם געזעגנט זיך און פאַרלאָזן די שול מיט אַ קוש די מזוזה און האָפן — אם ירצה השם, דאָס נעכסטוו יאָר ווידער.

# ליד מצבת לובלין

צפורה דסקל־ויסלפיש

שוב התאספנו
ליד האבן
הדוממת השחורה,
לזכר ארבעים וחמישה אלף
ויתר אַלפי הסביבה.

והאבן דוממת
כדוממים
שוכני עפר.
לו נשמעה זעקתם,
אוזניים מרעישה!

מרעישה אוזניים,
מרטיטה לב,
עמוקה השתיקה,
כאלפי מיתרים
— הזעקה.

והכאב שוכן
עמוק, עמוק.
המשך — ואל תשכח!
הכאב כמורסה
הממאנת להיפתח.

לו לספר להם יכולתי
על המשך החיים
על המדינה מולדתנו,
על שמי התכלת
הפרוסים מעל לראשינו!

לספר על ארץ ירוקה
וגינה לפני הבית
על פריחת התפוז
ועץ הזית?

על חיילים מעולים
של צבא ההגנה לישראל
(לו ניתן בלעדיהם,
אך מי עלינו יגן?).

על דז'טים דז'מבו סילונים
המגביהים עוף,
על מרחקים שצומצמו —
על תקשורת — כצפור תעוף.

## תערוכת אמנות בגיל הזהב

היטלר הצליח להשמיד ששה מיליון יהודים. רק את הגופות, לא את הרוח והנשמה.

אצל רבים, למרות שעברו את השואה, נישאר הדחף לאומנות, כגון: מוסיקה, ציור וכו'.

הניצולה חנה אכטמן, שעברה את הגיהינום הנאצי, נדדה מעיר לעיר, ממקום למקום, מצויידת בניירות ובשם הבדוי: אננה מאריה זווצקה. למרות זאת, הלשינו עליה ונעצרה בוורשה ע"י הגסטפו, עינו אותה ושחררוה זמנית כדי שתוכל להביא ניירות נוספים כהוכחה על היותה קתולית.

היא לא שבה אליהם והמשיכה בנדודיה: מוורשה ללבוב, משם לקראקוב, וכך ניצלה.

חנה אכטמן, שהיא חנה רפופורט מלובלין, הגיעה ארצה ב־1940 והתחילה בלימודי ציור אומנותי, אצל מורים רבים והרחיבה את לימודיה במכון לציור ופיסול של העיר בת־ים.

באפריל השנה, ליום הולדתה ה־80 של חנה, התקיימה, בעזרת אגודת הציירים והפסלים, תערוכת תמונות במוזיאון, בה הציגה חנה 20 תמונות מיצירתה וזכתה לביקורת טובה מאוד.

לכבוד יובלה זה תרמה חנה אחת מתמונותיה לחדר לובלין.

ברוכות תהיינה ידיה!

בן־רשקה




די מצבה פון אַדאַם גאַרטענקראַוט אין סאַן־פּאולאָ.

## מלגות לבתי ספר

לכבוד
הנהלת בית ספר תיכון „ליאו באק" בחיפה
לידי הגב' צעירה טריפון־אבן
מנהלת החטיבה העליונה

**הנדון: מענק והגדלת המלגה לקיום הסמינר על השואה לכיתות י"ב**

ראשית אבקש סליחתכם על האיחור שחל בהעברת המענק בסך 400 דולר־בשקלים עקב סיבות טכניות.

כמו כן הננו להודיעכם:

ביום י"ג לסיוון תשמ"ז, 10.6.87, התקיימה ישיבת הנהלת הקרן ע"ש בלה דבז'ינסקה שנספתה בתקופת השואה. בהנהלתו של בנה ד"ר בן־טובים. בין היתר הוצעה הצעה להקציב סכום מסויים נוסף ע"מ לסייע לקיים את הסמינר הנ"ל.

בקרוב נודיע לכם מהו הסכום שהוקצב למטרה זו.

נא לאשר קבלת מכתבנו ולהעביר קבלה.

רצ"ב: שני שקים בסך 640 ש"ח.

העתקים: ד"ר נ. בן־טובים, אינג' א. לסקובסקי, ד. שטוקפיש, אינג' אָ. שריפט.

לגזברות ביה"ס ליאו באק

בכבוד רב,

מ. הורן

teatrnn.pl

# Więźniowie Żydzi zamordowani w dniu 22 lipca 1944 r. w więzieniu na Zamku w Lublinie

Zofia Leszczyńska

W więzieniu na Zamku Lubelskim, wsród osadzonych tam więźnów, było wielu Żydów. Niemcy, opuszczając Lublin w dniu 22 lipca 1944 r., zamordowali na Zamku ok. 300 osób. Jako pierwszych rozstrzelano więźniów Żydów, zgromadzonych w warsztatach. Z licznych relacji wynika, że wśród pomordowanych było ok. 60 mężczyzn, kobiet i dzieci żydowskich. Ciała osób nie zidentyfikowanych pogrzebano 6 sierpnia na stokach Zamku. W roku 1954, szczątki ofiar ekshumowano i uroczyście pochowano na cmentarzu przy ulicy Lipowej w Lublinie.

Dzięki zabiegom Klubu B. Więżnów Politycznych Zamku Lubelskiego, w dniu 20 lipca 1981 r. został odsłonięty na zbiorowej mogile pomnik na którym wyryto 266 nazwisk zamordowanych. Na pomniku figurują też ustalone nazwiska więźniów Zydów, wymienione w załączonym wykazie.

Klub b. Więźniów Politycznych Zamku Lubelskiego zwraca się gorącą prośbą o bliższe informacje dotyczące wymienionych osób, oraz innych więźniów Zamku Lubelskiego.

## WIĘŹNIOWIE ŻYDZI ZAMORDOWANI W DNIU 22 LIPCA 1944 R. W WIĘZIENIU NA ZAMKU LUBELSKIM

| | | |
|---|---|---|
| Brzozowski Bronisław ur. | 5.01.1926 | r. |
| Cytryn Eliasz | 20.12.1921 | |
| Cytryniarz Fela | 5.11.1924 | w Warszawie |
| Daniel Krystyna / Eisenstark Frania ur. | 7.02.1925 | — Opole |
| Dorner Nattan | 15.07.1907 | — Lubaczów |
| Dorner Manfred | 21.07.1927 | — Lubaczów |
| Fajans Tadeusz | 7.05.1905 | — Warszawa—Lublin — lek. med. |
| Felcman Leonia | 19.03.1922 | |
| Fischbaum Sala | 03.1909 | z dzieckiem lat 6 |
| Grinblat Ajzyk | 15.03.1917 | |
| Gwardys Genowefa | 16.12.1919 | |
| Kapłan Jozef | 12.08.1895 | — Zamość — lek. Stom. |
| Lederman Abram | | — Lublin |
| Lederman Bajla | 28.03.1912 | — Lublin |
| Lederman Brucha | | — Lublin |
| Lederman Frania | 7.07.1924 | — Lublin |
| Lederman Zysla | 25.01.1926 | — Lublin |
| Lerman | | — Łuków — krawiec |
| Nadolna Teresa / Weismann | 16.01.1937 | — Kamionka pow. Lubartów |
| Nirenberg Doba | 1.14 | |
| Oli Helene | 10.03.1902 | — w Warszawie |
| Palikowska Stefania | 26.12.1917 | |
| Ruderman | 1.33 | — Lublin — tech. dent. |
| Ruderman | 1.30 | — Lublin — pom. tech. dent. |
| Ruderman (córka) | | — Lublin |
| Rutkowski Jan | 3.03.1917 | |
| Strauss Simon | 19.08.1901 | |

# ווער און מיט וויפל האט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

פון 15.11.86 ביז דעם 1.11.87

### אין שקלים (פון 25 און מערער)

לובא און משה קורן — (1280 + 800) = 2080
מאָטל גאַרטענקרויט — 600
שרה ביטער — 200
ראובן ראָסעט — 160
ליאון מאַנדעלבוים — 50
נינה רעזניק — 50
אליהו הערץ — 50
שלמה זינשיין — 48
משה צוקערפיין — 40
שמעון לאור — 30
אפרים מילער — 25
דוד מיטעלמאַן — 25
פרייליך ישראל — 25

### אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן

משה לעווינסאָן, ניס — 1000
נייע לובלינער, טאָראָנטאָ — 575
ס. זיידענווערג, מיאַמי — 200
גדליהו פישמאַן, לאָס אַנזשעלעס — 200
אובער, לאָס אַנזשעלעס — 120

### צו 100 דאָלאַר

לובלינער סאָסיעטי אין ניו־יאָרק; פאַמיליע ראָזענטור, לאָס אַנזשעלעס; פאַמ׳ עהרענבערג, לאָס אַנזשעלעס; פאַמ׳ ראָזענבערג, לאָס אַנזשעלעס; מ. גאַרטענקראוט.

### צו 50 דאָלאַר

מענדל מילשטיין, סאַן־פראַנציסקאָ, פאַמ׳ שערמאַן, לאָז אַנזשעלעס; בראָניע און מישאַ עקהויז, מעלבורן;

פאַולאַ מאַרגאָלעס, ניו־יאָרק; צפורה און יוסף שפייז־מאַן, ניו־יאָרק;

פאַמ׳ שנור לאָס־ אַנזשעלעס — 60 דאָלאַר
יעקב ווייצענפעלד, מיאַמי — 40 ״
פאַמ׳ ברונאַ, לאָס אַנזשעלעס — 40 ״
פאַמ׳ פרום, לאָס אַנזשעלעס — 35 ״
סעם און שרה ברייטער, מאָנטרעאַל — 35 ״
יצחק זהבי, פראַנקפורט — 30 ״

### צו 25 דאָלאַר

פאַמ׳ נאַדעל, לאָס אַנזשעלעס; פאַמ׳ בורס, לאָס אַנזשעלעס; פאַמ׳ מייזעלס, לאָס אַנזשעלעס; פאַמ׳ צווייקאַפט, מאָנטרעאַל; (אויך פאַראַיאָרן — 25 דאָלאַר). ישראל טעמפעלדינער, בוענאָס איירעס.

### צו 20 דאָלאַר

פאַמ׳ לעווין, לאָס אַנזשעלעס; אָלגאַ גראַדל, לייבל זילבערג, בוענאָס איירעס; עקהויז, מעלבורן; נ. גורפינקעל, דיסעלדאָרף גדליה עלבוים, מישיגאַן; לאָזער גאָלדבוים, סאַן פאַולאָ.

### צו 15 דאָלאַר

ראובן פרידמאַן, ניו־יאָרק; נ. שמן, טאָראָנטאָ.

### אין קאַנאַדישע דאָלאַר

לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, מאָנטרעאַל — 300
פאַמיליע וואַקסבוים, טאָראָנטאָ — 50
גוטשע צוקערפיין, טאָראָנטאָ — 25

### אין אויסטראַלישע דאָלאַר

מאָטל טרייסטמאַן, מעלבורן — 40

### אין פראַנצויזישע פראַנק

געזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין, פאַריז — 1500

## התוכן – אינהאלט


מ. צאַנין / לובלין (עמ׳ 1) • מתתיהו הורן / הנצחת קהילת לובלין בבית התפוצות (4) • נ. שמן / אַ רב אין טשעכיוו (5) • חיים קליגער / יידן האָבן אַ קורצן זכרון (7) • סויקה ארליכמן (בנק) / השואה — סרטו של קלוד לנצמן (8) • ישראל אייזענבערג / דערשאָסן ביי די שמאַטעס (9) • Henryka Lazowertówna / Mały szmugler (11) • אַלעקסאַנדער שריפט / וועגן פאַליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן (12) • בנימין לובעלסקי / פון ר׳ יעקב פאָלאַק ביז ר׳ שלום שכנא (17) • דוד שטאָקפיש / לובלינער אַקטיוויטעטן אין ישראל אין 87—1986 (19) • אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות (24) • W lubelskim klubie TSKŻ (31) • נחת פון לובלינער יידן (32) • ברוניה פרידמן־רחמן / חלומות שהתגשמו (38) • בריוו, באַריכטן, מיינונגען, גרוסן (39) • לזכרם — צום אָנדענק (43) • דו״ח הכנסות והוצאות לתקופה 1.10.85 — 30.8.86 (47) • ד״ר אלחנן הורוויץ / „נוסח לובלין" (48) • אירית גוטליב / „המשוגעים" בלובלין (48) • ישראל אייזנבערג / אויף דער אזכרה אין לאָס־אַנזשעלעס (49) • Zofia Leszczyńska / Więźniowie Żydzi zamordowani na Zamku (51)


teatrnn.pl